

# דער פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער

## קאַפּיטל א.

איש היה בזלאָדיובקי — אַ מענש איז געווען אין זלאָדרייעווקע, אַ שטעדטעל, וואָס ליגט אין דער סביבה פון מאַזעפּעווקע, נישט ווייט פון חאַפּלאַפּאָוויטש און קאָזאָדאָיעווקע, צווישען יאַמפּעלי און צווישען סטרישטש, פּונקט אויף דעם וועג, וואָס מע פאָהרט פון פּישי־יאַבעדע דורך פּעטשי־חוואָסט קיין טעטרעוועץ און פון דאָרטען קיין יעהופּעץ; ושמו שמעון אליהו — און זיין נאָמען איז געווען שמעון־אלי, און גערופען האָט מען איהם „שמעון־אלי שמע־קולנו“, מחמת ביי׳ם דאַווענען אין שוהל האָט ער געהאַט אַ טבע שרייען, אַרבייטען, זינגען און ציקלען זיך אויף קולי־קולות. והיה האיש חייט — און געווען איז דער מענש אַ שניידער, נישט חלילה פון די געהויבענע שניידערס, וואָס נייהען נאָכ׳ן „טאַבעלטיר“, וואָס מע רופט דאָס „זשורנאַל“, נאָר אַ שניידער אַ לאַטניק, אַ גרויסער מומחה, הייסט דאָס, אויף לעגען אַ לאַטע, פערצירעווען אַ לאָך, מע זאָל נישט דערקענען, אָדער איבערניצעווען וואָס פאַר אַ מלבוש איהר ווילט אויף דער לינקער זייט, ממש מאַכען פון אַלט ניי. נעמען, למשל, איין אַלטען חאַלאַט און איבערמאַכען איהם אויף אַ קאַפּאָטע, פון אַ קאַפּאָטע — אַ פּאָר תחתונים, פון די תחתונים אויסשטיקעווען אַ לייבעל, און פון׳ם לייבעל נאָכדעם עפּיס אַנדעריש — מיינט נישט, אַז דאָס איז אַזאַ גרינגע אַרבייט! און אויף דעם איז „שמעון־אלי שמע־קולנו“ געווען איין בריה אין דער וועלט, און

## ЗАКОЛДОВАННЫЙ ПОРТНОЙ

*(Заимствовано из старинной хроники)*

### Глава первая

*Бысть муж во Злодеевке* — жил человек в Злодеевке, местечке, расположенном в округе Мазеповки, неподалеку от Хаплаповичей и Козодоевки, между Ямполем и Стрищем, как раз на той дороге, по которой ездят из Пиши-Ябеды через Печи-Хвост на Тетеревец, а оттуда — на Егупец.

*И наречен бысть оный муж Шимон-Элиогу* — и имя ему было Шимен-Эле, а прозвали его «Шимен-Эле Внемли Гласу» за то, что во время моления в синагоге он имел обыкновение бурно проявлять свои чувства: прищелкивать пальцами, вопить и голосить, заливаться на все лады.

*И бысть сей муж швецом* — и был этот человек портным, — не то чтобы, упаси бог, из перворазрядных, из тех, что шьют по «картинке», именуемой «журналом», а попросту — заплатных дел мастером, то есть умел, как никто, поставить заплату, заштопать дыру, чтобы незаметно было, или перелицевать какую угодно одежку, вывернуть ее наизнанку — прямо-таки превратить старье в новую вещь. Возьмет, к примеру, старый халат и сделает из него кафтан, из зипуна — пару штанов, из штанов выкроит жилетку, а из жилетки — еще что-нибудь... Не думайте, что это так просто!

Вот на такие дела Шимен-Эле Внемли Гласу был поистине мастак. А так как Злодеевка — городок нищий и

— ביזט זעהר גערעכט! — זאָגט שמעון־אלי צו זיין ווייב. — הערסט דו, דאָס איז שוין איין אלטע טענה, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אסקאקורדע, דבארבאנטע...

— שוין! ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין פסוק! — שלאָגט איהם איבער זיין ווייב. — מע רעדט פון א ציעג, קומט ער מיט א פסוק! דו געה זיך דורך בעסער אהינצו, צום קאָזאָדאָיעווקער מלמד, און זאָג איהם אזוי און אזוי: מיר האָבען געהערט, אז ס'איז ביי אייך פאראהאן צוויי ציעגען און ביידע מעל־קען זיך. וואָס באדארפט איהר צוויי מעלקענדיגע ציעגען? אויף כפרות? ווילט איהר דאָך מסתמא איינע פון זיי פארקויפען — פארקויפט זי מיר! וואָס ווערט אייך אהרען?... אזוי טאקי זאָלסט דו מיט זיי רעדען, דו פארשטעהסט?

— איך פארשטעה, וואָס רען, איך פארשטעה נישט? — זאָגט שמעון־אלי. — פאר מיין געלט באדארף איך זיך נאָך בעטען? פאר געלט קריגט מען אלץ אין דער וועלט — כסף וזהב מטהר חזירים. שלעכט איז נאָר, זעהסט דו, אז ס'איז חלילה נישטאָ די מטבע, דעמאָלט איז עני חשוב כמת, מאכט רש"י: ניטאָ פאפע — געה ליולי; אָדער ווי מע זאָגט: אָהן פינגער קאָן מען קיין פייג נים שטעלען, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אסקאקורדע, דבארבאנטע, דפארשמאכטע...

— ווידער א מאָל א פסוק, און אָבער א מאָל א פסוק! עס פסוק'ט מיר שוין אין קאָפּ! איינגעזונקען זאָלסטו ווערען! — זאָגט צו איהם ציפּה־ביילה־רייזה און בעגראָבט איהם נייען איילען אין דער ערד, און טייטשט מיט איהם איין א מאָל הונדערט, אז ער זאָל זיך פריהער פרובען ביי חיים־חנה דעם מלמד, מאָמער וועט דאָס געהן. אי וואָס. טאָמער וויל יענער נישט? פאר וואָס זאָל ער נישט וועלען? פאר וואָס קומט איהם צוויי ציעגען, און נאָך מעלקענדיגע דערצו? פאראהאן, ברוך השם, אידען אויף דער וועלט, וואָס פארמאָגען נישט קיין האלבע ציעג אפילו — נו, אם כן? שטארבען זיי דען?...

און אזוי וויטער, אלץ די איינענע טענות.

---

## קאפיטעל ב.

הבוקר אור — ס'איז נאָר טאָג געוואָרען, האָט זיך אונזער שניידער געפעדערט, אויפגעשטאַנען און אָפּגעדאַווענט, גענומען מיט זיך דאָס שטעקעל מיט'ן גארטעל און איז אוועק אין וועג אריין בשלום צו־פוס.

געווען איז דאָס זונטאָג, אין א שענעם, ליכטיגען, לויטערען, ווארעמען זומערטאָג. שוין לאנג געדענקט נישט שמעון־אלי אזא איין אויסגעצייכענטען, אויסגעשפּיעלטען טאָג. שוין לאנג איז שמעון־אלי נישט געווען אין פעלד, אויף דער פרייער לופט. שוין לאנג האָבען זיינע אויגען נישט געזעהען פאר זיך אזא איין אויס־געצוואָגענעם גרינעם וואלד, אזא שענע גרינע קאָלדרע, וואו דאָס פעלד איז בעשאָטען מיט אלערליי קאָלירענדיגע שפּריינקעלעך. שוין לאנג האָבען זיינע אויהערען נישט געהערט א פּישטשען פון פויגעלעך, א פלאַטערען פון קליינע פערכלעך. שוין לאנג האָט זיין נאָז נישט געשמעקט אזא געשמאַקען ריח פון גרין גראָז, פון רויהער ערד. שמעון־אלי שמע־קולנו האָט פערבראַכט כל ימיו אין איין אנדער וועלט; זיינע אויגען האָבען געזעהען פאר זיך תמיד אנדערע בילדער: א פינסטערע גרוב, ביי דער טיר איין אויווען, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און א פּאָמעניצע א פולע ווי איין אויג; ביי'ם אויווען, ביי דער פּאָמעניצע — א בעט פון דריי ברעטלעך; אויפ'ן בעט — קינדערלעך א סך, קיין עין־הרע, איינס קלענער פונ'ם אנדערען, האלב־נאַקעטע, גאַנץ־באָרפיסע, נישט קיין געצוואָגענע, שטענדיג הונגעריגע... זיינע אויהערען האָבען געהערט פאר זיך שטענדיג אנדערע קולות: „מאַמע, ברויט! מאַמע, בולקע! מאַמע, עסען!“... און איבער אלע קולות — א קול פון ציפּה־ביילה־רייזה: „עסען? נישט עסען זאָלען אייך

— Ты, конечно, кругом права! — отвечал Шимен-Эле своей жене. — Ведь это, понимаешь ли, старая история... Как в Писании сказано: *«Аскакурдэ дебарбантэ...»* *

— Опять? Опять он тут как тут со своим писанием! — перебила его жена. — С ним говорят о козе, а он лезет с писанием! Ты сходи лучше к козодоевскому меламеду и скажи ему: так, мол, и так... Слыхали мы, что у вас имеются две козы, и обе доятся. На что вам две дойные козы? Солить? Стало быть, одну из них вы, наверное, хотите продать? Продайте ее мне! Какая вам разница? Вот так и скажи. Понимаешь?

— Конечно, понимаю! Чего ж тут не понимать? — сказал Шимен-Эле. — За свои деньги я должен еще упрашивать? За деньги все на свете можно достать. *«Серебро и злато и свиней очищают»*. Скверно, видишь ли, когда звонких нет... Вот тогда уж подлинно: *«Нищий подобен покойнику»* — что означает: если нечего жрать, ложись спать, или, как говорят: без пальцев и кукиша не покажешь... Есть такое изречение: *«Аскакурдэ дебарбантэ дефаршмахтэ...»*

— Снова писание, и опять-таки писание! У меня уже голова трещит от твоих изречений, чтоб ты провалился! — ответила Ципе-Бейле-Рейза и принялась, по своему обыкновению, честить мужа и втолковывать ему в сотый раз, чтобы он прежде всего попытал счастья у меламеда Хаим-Хоне, авось что-нибудь и выйдет... А что, если он не захочет?.. Но почему ему не захотеть? С какой стати он должен иметь двух коз, да еще дойных к тому же? Есть, слава тебе господи, люди на белом свете, у которых и полкозы нет. И что же? Умирают они от этого?

И так далее, все то же.

## Глава вторая

*И бысть утро* — начало светать, а наш портной поднялся рано, помолился, взял палку да кушак и в добрый час двинулся пешком в путь-дорогу.

Было воскресенье, погожий, солнечный летний день. Шимен-Эле даже не запомнит такого замечательного, благодатного дня. Давненько уже не бывал Шимен-Эле в поле, на вольном воздухе. Давно уже глаза его не видали такого свежевымытого зеленого леса, такого чудесного зеленого покрывала, усыпанного разноцветными крапинками. Уши его давно уже не слышали щебетания птиц и шума крыльев. Нос его давно уже не обонял вкусного запаха зеленой травы, сырой земли. Шимен-Эле Внемли Гласу провел всю свою жизнь в другом мире. Глаза его постоянно видели совсем иные картины: мрачный подвал, у самой двери — печь, ухваты, кочерги да лопаты, полное до краев помойное ведро. Возле печи, у помойного ведра, — кровать из трех досок. На кровати — ребятишки, много, не сглазить бы, ребятишек — мал мала меньше, полураздетые, разутые, немытые, вечно голодные. До ушей Шимен-Эле доносились совсем иные голоса: «Мама, хлеба!», «Мама, булки!», «Мама, кушать!..» И покрывал все эти голоса голос Ципе-Бейле-Рейзы: «Кушать! Чтоб вас черти не ели, господи милосердный, вместе с вашим дорогим отцом-недотепой!»,

ווערעם, ליעבער גאָט, אינאיינעם מיט'ן טאַטען אייערען דעם שלים־מזל! פאַרחאַפּט זאָלט איהר נישט ווערען, רבונו של עולם, מיט איהם אינאיינעם!"... וכדומה אזעלכע זיסע קולות. זיין נאָז איז געוועהנט געוועזן צו אַנדערע ריחות: א ריח פון נאַסע ווענד, וואָס ווינטער נעצען זיי און זומער שימלען זיי; א ריח פון זויערטייג מיט קלייען, פון ציבעלעס און פון קרוים, פון רויהע לעהם, פון געשאָבענע פישלעך און פון קישקעלעך; א ריח פון אַלטע בגדים, וואָס לאָזען זיך הערען אונטער'ן הייסען פּרעסעל מיט א געדיכטער פּאַרע און מיט א מאָדנעם טישאַד...

ארויסגעריסען זיך אויף א ווײַלע פון יענער אָרעמער ווים־טער פינסטערער וועלט אויף דער דאָזיגער נייער, פרייער, ליכ־טיגער, שמעקענדיגער שיין, האָט זיך אונזער שמעון־אלי געפיהלט ווי א מענש, וואָס איז אין א הייסען זומערטאָג אריינגעשפּרונגען א נאַקעטער אין ים אריין; דאָס וואַסער טראָגט איהם, די חוואַ־ליעס שלאָגען איהם, ער טוקט זיך, ער טוקט זיך, ער ציהט אין זיך די לופט מיט דער פולער ברוסט — ס'איז מחית נפשות, ממש א גן־עדן!...

— למשל, וואָס וואָלט גאָט געאהרט — קלערט זיך שמעון־אלי — וואָס וואָלט גאָט געאהרט, ווען איטליכער בעל־מלאָכה, אישטיינער, זאָל זיך קאָנען אלע טאָג, לאָז זיין חאָטש איין מאָל אין דער וואָך, ארויסגעהן אהערצו־צו, אויפ'ן פרייען פעלד, א ביסעל געניסען פון גאָט'ס וועלטעל? אי א וועלטעל, א וועל־טעל!... — און שמעון־אלי הויבט־אָן אונטערזינגען און פערטיי־טשען אויף זיין שטייגער: — אתה יצרת — דו האָסט, גאָט, באַשאַפען, עולמך — דיין וועלטעל, מקדם — אויף יענער זייט שטאָדט; בחרת בנו — האָסט אונז אויסדערוועהלט, די אירעלעך, מיר זאָלען זיצען דאָרטען אין זלאָדריעווקע אין דער ענגשאַפט, קאָפּ־אויף־קאָפּ, אין א דערשטיקעניש; ותתן לנו — און דו האָסט אונז געטהאָן געבען... אוי, צרות האָסט דו אונז גע־געבען מיט וועהטיגען, מיט דלות, קרחת מיט רביעית האָסט דו אונז מגעבען, ברחמיך הרבים־בים־בים!...

אזוי זינגט זיך שמעון־אלי שטילערהייד אונטער דער נאָז, און עס גלוסט זיך איהם א וואָרף טהון זיך דאָ, ווי ער שטעהט און געהט אין פעלד, אויפ'ן גרינעם גראָז, חאָטש א ביסעלע גע־ניסען פון גאָט'ס וועלטעל, — דערמאָנט ער זיך, אז ער האָט איין ארבייט, און זאָגט צו זיך אליין: — „עד כאן אומרים בשבת הגדול — געגוג, שמעון־אלי, צו זינגען. הלך לעולמו — שפּאַן, ברודער, שפּאַן! אָפּרוהען וועסט דו זיך שוין, אם ירצה השם, אין דער דעמבענער קרעטשמע. דאָרט האָסט דו א שטיקעל שאר־בשרי, דאָדי רענדאָר. דאָרט קריגט מען צו יעדער צייט א ביסעל משקה, ווי אין פסוק שטעהט: ותלמוד תורה כנגד כולם — א ביסעל מהכתיתי איז בילכער פון אלץ"... אזוי שמעון־אלי שמע־קולנו שפּאַנט ווייטער.

---

## קאַפּיטעל ג.

באמצע הדרך — פונקט אין דער מיט וועג, צווישען די צוויי שטעדט זלאָדרייעווקע און קאָזאָדראָיעווקע, שטעהט א פעלד קרעטשמע, וואָס מע רופט זי „די דעמבענע". די דאָזיגע קרעטש־מע האָט אין זיך א כח, עפּיס נאָר א מאגנים, וואָס זי ציהט צו זיך אלע בעלי־עגלות מיט אלע פאַרשוינען, סאי די וואָס פאָהרען פון זלאָדרייעווקע קיין קאָזאָדראָיעווקע, סאי די וואָס פאָהרען פון קאָזאָדראָיעווקע קיין זלאָדרייעווקע -- מע מוז זיך אָפּשטעלען אין דער „דעמבענער" חאָטש אויף עטליכע מינוט! קיינער ווייסט נים דעם סוד דערפון נאָך עד היום. א טייל זאָגען, אז ס'איז דערפאַר, ווייל דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע, דאָדי דער רענדאָר, איז זעהר א ליעבליכער פאַרשוין און א גרויסער מכניס־אורח, דאָס הייסט, פאַר געלד האָט איהר געקאָנט קריגען דאָרטען תמיד א רעכט גלעזעל משקה מיט די שענסטע פאַרבייסענס; און א טייל

«Чтоб вас черт не побрал вместе с ним!» Нос Шимен-Эле привык к другим запахам: к запаху сырых стен, которые зимою мокнут, а летом зацветают плесенью; к запаху кислого теста с отрубями, лука и капусты, сырой глины, чищеной рыбы и потрохов; к запаху ношеного платья, бьющему в нос из-под накаленного утюга вместе с паром...

Вырвавшись на миг из убогого, гнетущего, мрачного мира в новый, яркий, вольный свет, наш Шимен-Эле почувствовал себя как человек, в знойный летний день окунувшийся в море: вода несет, волны подхлестывают, он ныряет, ныряет и, всплывая, дышит полной грудью... Наслаждение, рай земной!..

«И что бы, казалось, мешало господу богу, — думал Шимен-Эле, — что бы ему мешало, если бы каждый труженик, к примеру, мог ежедневно или хотя бы раз в неделю выходить сюда в поле и вкушать от благ божьего мира? Эх, мир! До чего он хорош!..» И Шимен-Эле начал, по своему обыкновению, напевать молитвы, толкуя их на свой лад:

*«Сотворил ты* — создал ты, господи, *свою вселенную* — мир твой. *издревле* — по ту сторону города! *Избрал ты нас* — и обрек ты нас на жизнь в Злодеевке, в тесноте и в духоте. *И дал нам* — и отпустил же ты нам, господи, горестей и болячек, нищеты и лихоманки — *по милости твоей великой* — ой-ой-ой!..»

Так напевал Шимен-Эле про себя, и хотелось ему вот здесь, вот сейчас, в поле, броситься на зеленую траву, хоть на мгновение забыть обо всем и насладиться жизнью. Но, тут же вспомнив, что у него неотложное дело, он сказал себе: «*Стоп, машина!* Хватит, Шимен-Эле, распевать! *Отправляйся к праотцам* — шагай, брат, шагай! Отдохнешь, даст бог, в «Дубовой» корчме. Ее арендует как-никак родственник, шинкарь Додя. Там в любое время можно рюмочку тяпнуть... Как в Писании сказано: *«Изучение торы превыше всего»* — сиречь: стопочка горькой — великое дело...» И Шимен-Эле Внемли Гласу двинулся дальше.

## Глава третья

*Среди дороги* — как раз на полпути между Злодеевкой и Козодоевкой стоит в поле корчма, известная под названием «Дубовой». Корчма эта таит в себе неведомую силу; точно магнит, притягивает она извозчиков и пассажиров, направляющихся из Злодеевки в Козодоевку и возвращающихся из Козодоевки в Злодеевку. Никто не может миновать «Дубовую», — хотя бы на несколько минут, да остановится! Тайна этой притягательной силы никем по сей день не разгадана! Некоторые объясняют ее тем, что хозяин корчмы, шинкарь Додя, — в высшей степени любезный и гостеприимный человек, то есть за деньги он вам всегда поднесет добрую чарку

ניט אין גלייכען געלט, וועל איך נישט קויפען. ווייסט איהר, פאר וואס? ווייל, ערשטענס, באדארף איך זי אויף כ־כ־כפרות, גאר אזוי ווי מיין ווייב זאל לעבען, ציפה־ביילה־רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפארט איין מאל פאר אלע מאל: הכצעס...

— וואס איז שייך וויפיעל? — האקט איהם איבער טעמע־גיטעל אין מיטען דעם „הכצעקתה" און טהוט א וויש דאס נעזעל. — זאגט איהר אייער מקח, לאמיר הארכען! דאס קאן איך אייך זאגען: הערט איהר? אז וויפיעל איהר וועט באצאהלען, האנ־דעלט איהר א מציאה! ווייסט איהר, פאר וואס? ווארום אז איהר קויפט אוועק ביי מיר די ציעג, האט איהר א ציעג...

— הערסט דו! — שלאגט איהר איבער דער שניידער אין מיטען. — אט דערפאר וויל איך דאך זי קויפען, וואס זי איז א ציעג, נישט קיין פיפערנאטער! דאס הייסט, איך וואלט קיין ציעג גאר נישט געקויפט, איך באדארף זי אויף נייען און נייענציג כפרות, גאר אזוי ווי מיין ווייב זאל לעבען, ציפה־ביילה־רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפארט איין מאל פאר אלע מאל: הכצעס...

— הערסט דו! אט דאס זאג איך דאך! — פאלט איהם ארײן טעמע־גיטעל אין די רעד ארײן און הויבט אן ווידער א מאל אויסרעכענען די מעלות פון איהר ציעג. לאזט זי נישט דער שניידער און שלאגט איהר איבער אין מיטען, און אזוי שלאגען זיי איבער איינס דאס אנדערע אזוי לאנג, ביז זייערע טענות גיסען זיך צונויף אינאיינעם, און עס קומט־אויס א מישמאש, א קאשע מיט בארשטש און מיט לאקשען: „א ציעג? א מאמע, נישט קיין ציעג... איך וואלט קיין ציעג נישט געקויפט... א „פילע" פון קלייען... זי האט זיך איינגעשפארט איין מאל פאר אלע מאל: הכצעקתה... געלט איז קיילעכיג... אהן עין־הרע, איהר גרינג מעלקען זיך... ציפה־ביילה־רייזה הייסט דאס... זי עסט דען עפיס... איין מאל פאר אלע מאל: הכצעקתה... דאס איבעריגע — שטרוי פונ'ם דאך פון בית־המדרש... א ווייב באדארף מען פאלגען... א ציעג? א מאמע, נישט קיין ציעג!"...

— טאמער וואלט שוין געווען גענוג אייך צו ציעגען, טא־מער? — שלאגט זיי איבער חיים־חנה דער קלוגער אין מיטען און דרעהט זיך אויס מיט'ן פנים צום ווייב. — האסט דו געהערט א ביסעל? מע האלט אין מיטען אין ענין האלט מען, מכח „נזיקין", און זיי: ציעג־ציעג! ציעג־ציעג! ממה־נפשך, אדער פארקויף זיי די ציעג, אדער פארקויף זיי נישט די ציעג. ציעג־ציעג! ציעג־ציעג! סע ציעגט מיר שוין אין קאפ ציעגט מיר!

— גערעכט! — רופט זיך אן שמעון־אלי. — וואו תורה, דארט איז חכמה! ממה־נפשך, וואס באדארף מען דא לאנג רעדען? לי הכסף ולי הזהב — מיין געלט, אייער סחורה. זאגט שלשת דברים, אווארט און צוויי און א מאריטש, ווי אין מחזור שטעהט געשריבען: מחספס מפצפצים — איז דער פשט...

— וואס טויג מיר אייער פשט? איהר זאגט מיר בעסער, וואס גיט איהר מיר פאר דער ציעג? — מאכט טעמע־גיטעל שטילערהייד, בויגט זיך איין, ווי א קעצעלע, און טהוט א וויש די ליפען הין און צוריק.

— א משל כחרס הנשבר! — זאגט שמעון־אלי אויך שטילער־הייד. — וואס הייסט, איך זאל זאגען? וואס בין איך פאר א זאגער וואס? איך זעה, אז ס'איז אל תקשו לבבכם — ארויסגעווארפען מיין טרחה; איך וועל ביי אייך, אפנים, היינט קיין ציעג נישט קויפען! האט קיין פאראיבעל נישט, וואס איך האב אייך דעקוטשעט!...

און שמעון־אלי דרעהט זיך אויס מיט'ן פנים צו דער טהיר און האלט כלומר'שט ביי אוועקגעהן.

— זעהט נאר זעהט! — מאכט טעמע־גיטעל און טהוט איהם א נעם ביי'ם ארבעל. — וואס האט איהר אזוי קיין צייט נישט, דער טייך ברענט? ממה־נפשך, עפיס האט איהר דאך אנגעהויבען רעדען מכח א ציעג...

בקיצור, די מלמד'קע האט געזאגט איהר מקח, דער שניי־דער האט געזאגט זיין מקח; זי האט אראפגעווארפען, ער האט ארויפגעווארפען, א רענדעל אראפ, א רענדעל ארויף — מע

цена несходна, то я и покупать не стану. Знаете почему? Потому что нужна она мне, как пятое колесо! Да вот жена моя, то есть Ципе-Бейле-Рейза, дай ей бог здоровья, заупрямилась, криком кри...

— Что значит «сколько»? — перебила его Теме-Гитл, утирая свой носик. — Назовите вашу цену, а мы послушаем! Одно могу вам сказать, слышите, сколько бы вы ни заплатили, вы покупаете по дешевке! Знаете почему? Потому что если купите у меня козу, то будете иметь ко-зу...

— Сказали тоже! — в свою очередь, перебил ее портной. — Потому-то я ее и покупаю, что она коза, а не чучело гороховое! То есть я бы вообще не стал ее покупать, потому что нужна она мне, как собаке пятая нога. Но так как жена моя, то есть Ципе-Бейле-Рейза, дай ей бог здоровья, заупрямилась, криком кри...

— Вот об этом-то я и говорю, — не дожидаясь конца, затараторила Теме-Гитл и снова начала перечислять достоинства своей козы.

Но портной не дал ей договорить и перебил ее. И так перебивали они друг друга до тех пор, пока не заговорили вместе, так что получилась форменная мешанина: «Это коза? Мать, а не коза!» — «Я не стал бы покупать...» — «Пойло из отрубей...» — «Но она, понимаете, заупрямилась...» — «Деньги — они круглые...» — «А как она, не сглазить бы, легко доится!» — «То есть Ципе-Бейле-Рейза...» — «Разве она ест?..» — «Криком кричит...» — «Солому с крыши...» — «Жену слушать надо...» — «Коза? Мать, а не коза!..»

— Может, хватит вам «козить»? — вмешался в разговор Хаим-Хоне Разумник и обратился к жене: — Слыханное ли дело? Тут люди делом заняты, а они: коза-коза, коза-коза! Одно из двух: либо продай ему козу, либо не продавай ему козы! А то — «коза-коза, коза-коза»! У меня уже в голове «закозело» от вашей козы!

— Правильно! — отозвался Шимен-Эле. — *Где учение, там и премудрость!* Одно из двух, о чем тут долго говорить? *«Мое серебро, мое и злато»*: мои деньги — ваш товар. Слово за слово и — по рукам! Как в молитве сказано...

— На что мне ваши молитвы? Вы лучше скажите мне, сколько вы даете за козу? — шепотом проговорила Теме-Гитл, изгибаясь при этом по-кошачьи и вытирая губы.

— Вот тебе и на! — так же тихо ответил Шимен-Эле. — Что значит — скажите мне? Что я за сказитель такой? Нет, вижу, я напрасно трудился! Не купить мне сегодня козы! Извините за беспокойство!..

И, повернувшись к дверям, Шимен-Эле сделал вид, что собирается уходить.

— Смотрите, пожалуйста! — всполошилась Теме-Гитл и схватила портного за рукав. — Что это вам так некогда? Река, что ли, загорелась? Ведь вы же как будто завели разговор насчет козы...

Словом, Теме-Гитл назвала свою цену, портной — свою; она уступила, он прибавил, — тыщей больше, тыщей меньше, — поладили. Шимен-Эле отсчитал денежки

האָט זיך אויסגעגליכט. שמעון־אלי האָט אויסגעצעהלט די מתּקים, גענומען די ציעג אוים'ן גאַרטעל, טעמע־גיטעל האָט בעשפּיגען דאָס געלד, וואָס זי האָט געלייזט פאַר דער ציעג, צוגע־ווינשעוועט דעם שניידער, ס'זאָל זיין מיט מזל־ברכה, בשעת מעשה עפּיס געשעפּטשעט שטילערהייד און געקוקט אַלע מאָל אוים'ן געלד און אויף דער ציעג און האָט אַרויסבעגלייט דעם שניידער מיט אַ סך ברכות:

— געהט געזונט, און זייט געזונט, און פאַרנוצט געזונט, און לאָז גאָט געבען, זי זאָל זיין אַזוי ווי זי איז געווען ביז אַהער, נישט ערגער — בעסער האָט קיין שיעור נישט, און זי זאָל זיך ביי אייך האַלטען און האַלטען, מעלקען און מעלקען, נישט אויפ־הערען זיך מעלקען!...

— אָמן, גם אתּם! — מאַכט דער שניידער און וויל זיך לאָזען געהן צו דער טהיר, וויל די ציעג נישט געהן, דרעהט מיט די הערנער, שפּאַרט זיך איין מיט די הינטערשטע פיסלעך און מאַכט אויף אַ הילכיג קול'כעל און ציקעלט זיך, ווי אַ יונג חזנ'־דעל, וואָס געהט דעם ערשטען מאָל צום עמוד: מ ה ה ה ה ה פשעי! ו מ ה ה ה ה ה ה חטאתי!... ווי איינער רעדט: וואוהין שלעפּט איהר מיך?...

דעמאָלט איז שוין אויפגעשטאַנען רב חיים־חנה דער קלוגער מיט זיין כבוד, און מיט'ן קאַנטשיק אונטערגעהאָלפען אַרויספּית־רען די ציעג־פון־שטוב. און די חברה תּלמידים האָבען זי אונטער־געטריבען:

— היי, קאָזע! קאָזע! פּאַשאָל, קאָזע!...
און דער שניידער איז אַוועק אין זיין וועג אַריין.

---

## קאַפּיטעל ה.

ו ת מ א ן — און זי האָט נישט געוואָלט, די ציעג הייסט דאָס, געהן מיט'ן שניידער קיין זלאָדייעווקע, בשום אופן ואופן! זי האָט זיך געריסען צוריק אהיים מיט אַלע כחות! עס האָט איהר אָבער גאָר נישט געהאָלפען. שמעון־אלי האָט זי געשלעפּט פאַר'ן גאַרטעל און האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אַז ס'איז אַרויס־געוואָרפען איהר דרעהען זיך און איהר בריקען זיך און איהר מעקען, וואָס זי מעקעט. ער האָט צו איהר אַזוי געזאָגט:

— עס שטעהט ביי אונז: ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י — איבער נויט שלעפּסט דו אויף זיך דעם גלות, מעגסט יאָ וועלען, נישט וועלען — מע פרעגט ביי דיר קיין עצות נישט. איך בין אויך אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, געווען אַ פריי פויגעלע, אַ בחור כהלכה — אַ פיינער, אַ יונג מיט אַ קאַמזויל און מיט סקריפּ־קעס, טשאַקענדיג און קנאַקענדיג; וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? קאָפּוועהטיג? האָט גאָט געזאָגט: ל ך ל ך מ א ר צ ך — קריך, שמעון־אלי, אין זאַק אַריין! האָב חתונה פאַר ציפּה־ביילה־רייזה'ן! האָב קינדער! ווער פאַרשוואַרצט אויף דיינע יאָהר און טעג! כ י ל כ ך נ ו צ ר ת — דערויף ביזט דו אַ שניידער!...

אַזוי האָט שמעון־אלי גע'טענה'ט צו דער ציעג און איז גע־גאַנגען געשווינד, כמעט געלאָפען. אַ וואַרעם ווינטעל האָט איהם צעבלאָזען די פּאָלעס פון דער געלאַטעטער קאַפּאָטע און האָט פער'גנבה'ט זיך איהם אונטער די פּאות און אַ גלעט געטהאָן איהם ביי'ם בערדעל, צוגעטראָגען איהם צו דער נאָז אַ געשמאַקען ריח פון מיענטע, פון ראָמאַשקעס און פון אַנדערע פעלדבלומען און קרייטער, וואָס האָבען אַ ריח פון בשמים, און וואָס זיין נאָז איז צו זיי כּלל נישט געוועהנט געוואָרען; און פאַר גרוים התפּעלות האָט ער אָנגעהויבען צו דאַווענען מנחה, זאָגען „פּטום־הקטורת", אויסרעכענען אַלע גוטע זאַכען: „הצרי והצפּורן, החלבנה והלבונה", און אַלע איבעריגע געווירצען, גאַנץ פיין, מיט זעהר אַ שענעם ניגון, און ער האָט פערקאַטשעט זיך „אָפּשטעפּען" אַ מנחה, אויפ'ן חזנ'ישען שטייגער, נאָר אויף איין אַנדער אופן! פּלוצים... פון וואַנען נעמט זיך דער שטן מקטרג, דער יצר־הרע, און רוימט איהם איין אַ סוד אין אויהער אַריין:

и, сняв с себя поясок, привязал козу. Теме-Гитл поплевала на вырученные деньги, пожелала портному счастья и, что-то при этом шепча и поглядывая то на деньги, то на козу, проводила портного.

— Идите подобру-поздорову, и будьте здоровы, и пользуйтесь на здоровье, и дай бог, чтоб она была такою же, как до сих пор, не хуже, — а хорошему конца-краю нет! И пусть она у вас живет и живет и доится, не переставая...

— Аминь! И вам того же! — ответил портной и направился к дверям.

Но коза не желала идти, стала вертеть рогами, упираться задними ногами, блеять, как молодой кантор *, впервые выступающий у аналоя: *«Че-е-ем я провинилась? Че-е-е-м согрешила?»* Куда, мол, вы меня тащите?

Тогда соблаговолил подняться сам Хаим-Хоне Разумник и своей плеткой помог выпроводить козу за двери.

А ученики в один голос подгоняли:

— Эй, коза, коза! Пошла, коза!

И отправился портной своим путем-дорогою.

## Глава пятая

*И воспротивилась* — и не пожелала она, коза то есть, следовать за портным в Злодеевку, — ни за что на свете! Она изо всех сил порывалась обратно домой. Однако ничто ей не помогло. Шимен-Эле тянул ее за поводок и втолковывал, что напрасны все старания, — ни боданье, ни блеяние ни к чему не приведут.

— Сказано у нас в Писании, — говорил он козе, — *«вопреки воле своей живешь ты»* — по нужде влачишь ты свое существование, хочешь ты или не хочешь, никто тебя об этом не спрашивает. Я и сам когда-то, не теперь будь помянуто, был вольной пташкой, парень не хуже других, носил жилетку, сапожки со скрипом — фу-ты ну-ты... Чего мне недоставало? Головной боли? Но господь бог сказал: *«Изыди из земли своей»* — полезай, Шимен-Эле, в мешок! Женись на Ципе-Бейле-Рейзе! Плоди детей! Мучайся и мытарься всю свою жизнь! *«Ибо для того ты создан»* — на то ты и портной!..

Так говорил Шимен-Эле, обращаясь к козе и шагая быстро, чуть ли не бегом. Теплый ветерок раздувал полы его заплатанного кафтана, забирался под пейсы, поглаживал бородку и подносил к самому носу пряный аромат мяты, ромашки и прочих полевых цветов, издающих непривычное для портного благоухание.

От восторга он начал читать предвечернюю молитву, в которой перечисляются «бальзам, фимиам, гвоздика, ладан, благовонные смолы» и прочие курения и пряности. Читал он нараспев, совсем как в синагоге... Шимен-Эле уже собирался «отстрочить» таким манером всю службу. Но вдруг... откуда ни возьмись налетел злой дух-соблазнитель и шепнул портному на ухо:

— הער נאָר אויס, שמעון־אלי, דו יאָלד איינער! וואָס האָסט דו זיך דאָ אַזוי צעזוונגען אויפ'ן ניכטערען הארצען? שוין באַלד נאַכט, און דו האָסט נאָך אין דיין מויל נישט געהאַט, א חוץ צוויי גלעזלעך בראָנפען! היינט האָסטו דו דאָך עפּיס געגעבען דיין קרוב דאָס הייליגע וואָרט, אַז צוריקוועגס, אם ירצה השם, מיט דער ציעג, וועסט דו זיך אָפּשטעלען ביי איהם עפּיס צו־בייסען! געזאָגט א וואָרט — איז פערפאַלען. א מויל איז נישט קיין חאַליאווע!

און שמעון־אלי האָט אָפּגעחאַפּט די שמונה־עשרה נאָר בקיצור, זיך אָפּגעקלאַפּט תחנון, און איז אריין צו דאָדי רענדאר מיט א שמחה:

— א גוטען אָווענד אייך, מיין ליעבער קרוב רב דאָדי, איך קאָן אייך אָנזאָגען א בשורה, מזל טוב, עם לבן גרתי — איך האָב שוין איינגעהאַנדעלט א ציעג, אָבער א ציעג פון ציעגענלאַנד, א ציעג אשר לא ציערנו אבותינו! איהר מעגט זי אָנקוקען און זאָגען אייער מבינות — איהר זענט דאָך עפּיס יאָ א יודע־ספר! אנו, טרעפט, כמה לקו במצרים — וויפיעל האָב איך באַדאַרפט משלם זיין?

דאָדי האָט זיך גענומען מיט דער האַנד בייּ'ם קאָזעראָק, זיך פערשטעלט פון דער זון, וואָס האָט געהאַלטען ביי אונטערגעהן מיט א גאָלדענעם פּאַס אין עק הימעל, און האָט בעטראַכט די ציעג, ווי א גרויסער מבין, און האָט זי אָפּגעשאַצט פונקט צוויי מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל דער שניידער האָט בעצאָהלט. דערפון איז שמעון־אלי געוואָרען אַזוי אויפגעלעגט, אַז ער האָט דערלאַנגט דעם רענדאר א זעץ אין פּלייצע:

— רב דאָדי סערדצע! געזונט זאָלט איהר מיר זיין, צדקת כדבריך — איהר האָט היינטיגס מאָל דוקא נישט געטראָפען. אַזוי פיעל גליקליכע יאָהר אונזביידען!

דאָדי דער רענדאר האָט אויפגעשטעלט א פּאָר ליפּען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אָהן ווערטער: מפו־פו־פו! ווי איינער רעדט: „א מציאה! א מציאה פון א גנב!"

און שמעון־אלי האָט איינגעבויגען דאָס קעפּעל אויף א זייט, זיך א חאַפּ געטהאָן מיט'ן מיטעלסטען אויסגעבויגענעם פינגער בייּ'ם זשילעט, גלייך ווי ער וואָלט בעדאַרפט ארויסחאַפּען פון דאָרט א נאָדעל און אריינזועצען אין איהר אין דער ניך א פאָדעם.

— נו, רב דאָדי? וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען, עמך? פאַרשטעהען מיר אין עסק? הא? איהר זאָלט נאָך זעהן, סיין עין־הרע, ווי זי מעלקט זיך, וואָלט איהר א מיתה משונה איינגענומען דאָ אויפ'ן אָרט!

— א מיתה משונה נעם שוין בעסער אַליין! — רופט זיך אָן צו איהם דאָדי.

— אָמן, גם אתם! — זאָגט שמעון־אלי. — אויב איך בין יאָ ביי אייך אַזאַ־נ־אָנגעלעגטער גאַסט, נעמט זשע, זייט מוחל, רב דאָדי, די ציעג. און באַשטאַט זי ערגיץ אין שטאַהל, מע זאָל זי חלילה נישט אַוועק'לקח'ענען, און איך וועל דערוויילע א דאַווען טהון מעריב, מנחה האָב איך געחאַפּט אין וועג, און נאָכדעם וועלען מיר מאַכען „שהכל נהיה בדברו", און טאַקי עפּיס צו־בייסען אויך, ככתוב, ווי אין דער מגילה שטעהט: אין קוצים בפרוצים — פאַר'ן עסען געהט קיין טאַנץ נישט. שטעהט אַזוי געשריבען אין דער מגילה, צי ניין?

— וואָס איז שייך? — מאַכט דאָדי. — מסתמא אַז דו זאָגסט, סע שטעהט — שטעהט דאָס; יערויף ביזט דו דאָך עפּיס א איד פון תורה.

אָפּגעדאַווענט מעריב און אויסגעשפּיגען צו „עלינו", רופט זיך אָן דער שניידער צום רענדאר:

— אַז דער צער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, איז הלעיטני־נאָ מן האדום האדום הזה — גיסט אָן, זייט מוחל, פון יענעם גרינעם פלעשעל, און לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך שפּירעט, און לאָמיר זיין געזונט. געזונט דאָס איז ראשית חכמה, ווי מיר זאָגען אַלע טאָג אין דאַווענען: השכיבנו לשלום...

— Слышь ты, дурья голова! Чего ты распелся натощак? Ведь уже скоро ночь, а у тебя за весь день, кроме двух рюмок водки, маковой росинки во рту не было. Кроме того, ты ведь свято обещал своему родственнику на обратном пути, коли даст бог, с козой идучи, обязательно зайти и закусить у него! Дал слово — держи! Язык — не помело!

И, второпях закончив молитву, Шимен-Эле весело завернул к шинкарю.

— Добрый вечер, дорогой родственник реб Додя! Могу сообщить вам добрую весть. Поздравьте меня: *«Я жил у Лавана»*, — купил-таки козу! Да еще какую козу! Всем козам — коза! Праотцам нашим не снилась... Можете взглянуть на нее и сказать свое мнение, — ведь вы же как-никак человек ученый! А ну-ка, угадайте, *«сколько казней египетских»*, — то есть сколько я должен был за нее заплатить?

Додя приложил руку к козырьку, заслоняя глаза от солнца, заходившего за позолоченный край неба, с видом большого знатока осмотрел козу и оценил ее ровно вдвое дороже того, что заплатил портной. Это так расположило Шимен-Эле, что он даже хлопнул шинкаря по спине:

— Реб Додя, сердце мое! Дай вам бог здоровья! *«Справедливы слова твои»*, — на сей раз вы не угадали! Столько бы счастливых лет нам обоим...

Додя выпятил губы, покачал головой и произнес: «Фу-фу-фу!» — точно желая сказать: «Дешевка! Ворованное и то дороже!»

А Шимен-Эле склонил голову набок и ухватился согнутым пальцем за жилет, точно собираясь вынуть иголку и вдеть в нее нитку.

— Ну, реб Додя! Что скажете? Умеет наш брат дела обделывать? А? Посмотрели бы вы еще, как она, не сглазить бы, доится, — вы бы тут же на месте окочурились!

— Можешь сам окочуриться! — ответил Додя.

— Аминь! И вам того же! — сказал Шимен-Эле. — Уж если я для вас и в самом деле такой желанный гость, возьмите, пожалуйста, козу и устройте ее где-нибудь в хлеву, чтобы не утащили, упаси боже! Я тем временем отбарабаню вечернюю молитву, с предвечерней я уже разделался по дороге, а потом пропустим по маленькой и закусим, как в Писании сказано: *«Эйн койцим бифройцим»* * — не поевши, не спляшешь... Сказано так в Писании или нет?

— Что за вопрос? Раз ты говоришь, сказано, — значит, сказано. На то ты и книжник.

Помолившись как полагается, портной обратился к Доде:

— Уж ежели стряслась такая беда, то *«утоли алкание мое из того красного»*, — то есть нацедите, будьте добреньки, из той зеленой бутылочки, хватим по капельке горькой и давайте будем здоровы! Здоровье, знаете, это самое главное! Как это мы каждый день в молитве говорим: *«Усыпи нас»* в добром здравии.

און שמעון־אלי דערמאַנט זיך, אַז ער האָט אַ ציעג מיט גאָט'ס הילף, און עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד! ער האָט אויף זיין לעבען נישט געזעהן אַזוי פיעל קרינלעך מיט מילך! אַזוי פיעל וואָרעטשקעס מיט קעז! און פוטער, פוטער גאַנצע מאַקרעטעס! היינט מאַסלינקע, פידסמעטענע, זויערמילך מיט גאַנצע שטיקער „סריהע", און פוטערגעבעקס עפּיס אָהן אַ שיעור, פּלעצלעך אַזעלכע מילכיגע, געבאַקען אויף פוטער און פון אויבען בעשאָטען מיט זאַמד־צוקער און מיט צימערינג. און דער ריח, דער ריח! עפּיס אַ מאָדנער ריח, אַ בעקאַנטער ריח, פע!... ער פיהלט, ווי עפּיס קריכט איהם אויפ'ן האַלז צווישען קאָלנער, און אונטער'ן אויהער, און אויפ'ן פּנים, און עפּיס קיצעלט איהם און שטינקט איהם גלייך אין נאָז אריין... ער טאַפּט מיט די פינגער און טאַפּט אָן אַ וואַנץ... ער עפענט אויף איין אויג, דאָס אַנדערע אויג, ער כאַפּט אַ קוק אין פענסטער — אוי־וועה, אַ צרה, אַ שלאַק, עס שאַריעט אויף טאָג!...

— וואָס טיבע יוצר המאורות! גוט געכאַפּט אַ דרימעל! — מאַכט שמעון־אלי צו זיך אַליין און טהוט אַ רייב מיט די פּלייצעס. ער וועקט־אויף דעם רענדאַר, פליהט־אַרויס אין הויף אַריין, עפענט די שטאַהל, נעמט די ציעג אויפ'ן גאַרטעל און לאָזט זיך געהן אַהיים געשווינד, פייל אויס'ן בויגען, ווי אַ מענש וואָס האָט מורא, ער זאָל חלילה נישט פערשפּעטיגען מי יודע וואָס!....

## קאַפּיטעל ו.

והאשה — און דאָס ווייב ציפּה־ביילה־רייזה, אַז זי האָט געזעהן, אַז דער מאַן זוימט זיך אַזוי לאַנג, האָט זי נאָר נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָס איז. זי האָט אָנגעהויבען איבער־צוטראַכטען, אפשר האָט זיך חלילה געטראָפען איין אומגליק, גזלנים זענען אָנגעפאַלען אויף איהר מאַן אין וועג, צוגענומען ביי איהם די עטליכע קערבלעך, איהם געקוילעט און פערוואָרפען ערגיץ אין אַ גרוב, און זי איז געבליבען, חס ושלום, איין אייביגע עגונה מיט, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל קינדער, כאַטש נעם וואַרף זיך אַריין, שונאי־ציון, מיט זיי אין טייך אַריין!... אַזעלכע, און כדומה אַזעלכע, מחשבות האָט געבאַך ציפּה־ביילה־רייזה יענע נאַכט איבער־געטראַכט, און האָט אפילו נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג; און אַז עס האָט אויסגעקרעהט דער ערשטער האָהן אויף טאָג, האָט זי געכאַפּט אויף זיך דאָס קליידעל און איז אַרויס אין דרויסען און האָט זיך געזעצט אויף דער שוועל אַרויסקוקען אויף איהר מאַן, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען, ער וועט קומען... „אַ שלים־מזל נעהט אַוועק!" — האָט זי זיך געקלערט און זי האָט זיך צו־געגרייט איהם אָפּשפּיעלען אַ פריהמאָרגען, ווי ער איז ווערטה געוועז. נאָר אַז זי האָט דערזעהען ביי איהם הינטען צוגעבונדען ביי'ם גאַרטעל אַ ציעג, איז איהר באַלד אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ, און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהם מיט גוטען:

— וואָס אַזוי לאַנג, דו קאַנאַריקעל מיינס, מאַנדעלביינעלע? איך האָב דאָך געמיינט, ביזט שוין חלילה אין דער ערד אַריין, שענער תכשיט מיינער, אָדער אַזוי עפּיס איין אומגליק געטראָפען, חס ושלום.

און שמעון־אלי האָט זיך צעגאַרטעלט, אַוועקגעשטעלט די ציעג אין הויז, און האָט אָנגעהויבען שיטען מיט ווערטער, ווי פון אַ זאַק; ער האָט איהר פעררעדט די צייהן.

— הערסט דו, מיין ווייב, האָב איך דיר געקויפט אַ ציעג — פון ציעגענלאַנד; דאָס איז אַ ציעג אשר לא ציענונו אבותינו! ווי לאַנג שמייסט מען זיי, די היגע בעל־הבית'טעס, ווי לאַנג זיי האָבען נאָך אַזאַ ציעג נישט געזעהען אין חלום אפילו! אַז עסען עסט זי מכות, סך־הכל איין מאָל אין טאָג אַ „פּילע" פון קלייען, און דאָס איבעריגע — אַ ביסעל שטרוי פונ'ם דאַך פון בית־המדרש; און מילך גיט זי, קיין עין־הרע, ווי אַ קוה, מעלקט זיך צוויי מאָל אין טאָג — איך האָב אַליין געזעהען אַ פול מעלק־שעפּעל, איך זאָל אַזוי זעהען ביי דיר אַלדאָס גוטס! ס'איז דען אַ ציעג? ס'איז אַ מאַמע, נישט קיין ציעג! אַזוי זאָגט זי, טעמע־גיטעל הייסט

И Шимен-Эле вспоминает, что у него, с божьей помощью, есть коза. Какая это радость! Он за всю свою жизнь не видел столько кринок молока! Столько мешочков творога! А масла, масла — полные макитры! А пахта, а сыворотка, а жирная простокваша с жирными «льдинами» на ней! Бесконечное количество сдобных булок, плюшек на масле, обсыпанных сахарным песком и корицей... И запах, запах! Какой-то особенный запах, знакомый!.. Фу! Шимен-Эле чувствует, как что-то ползет у него по шее, за воротом, за ухом, по лицу... Что-то щекочет его и издает зловоние, бьющее прямо в нос. Он проводит пальцами по лицу и нащупывает клопа... Раскрывает один глаз, другой, смотрит в окно — батюшки! Ох ты, горе горькое! Уже светает!..

«Вот так так! Здорово вздремнул!» — произносит про себя Шимен-Эле, передергивая плечами. Разбудив корчемника, Шимен-Эле выбегает во двор, открывает хлев, хватает козу за ремешок и устремляется домой, как человек, который боится опоздать и упустить бог весть что...

## Глава шестая

*«А супруга...»* Тем временем Ципе-Бейле-Рейза, видя, что мужа так долго нет, никак не могла понять, что бы это значило. Она уже стала думать, не случилось ли, упаси бог, несчастья... А вдруг на него в пути напали разбойники, отобрали у него деньги, а самого зарезали и кинули куда-нибудь в яму... А она, Ципе-Бейле-Рейза, осталась навеки одна со столькими, не сглазить бы, детьми... Хоть с моста да в воду!.. Такие и им подобные мысли в ту ночь одолевали Ципе-Бейле-Рейзу и не давали ей глаз сомкнуть. Как только прокричал первый петух, она вскочила, накинула на себя платье и вышла за порог — дожидаться мужа, авось господь бог смилостивится, и он придет... *«Такой уж если пойдет, то...»* — думала она, готовясь устроить ему достойную встречу.

Однако, когда она увидела Шимен-Эле с козой на поводке, у нее отлегло от сердца, и она встретила мужа приветливо.

— Что так долго, птичка моя? Ведь я уж подумала, что ты сквозь землю провалился, сокровище мое драгоценное, или какое-нибудь несчастье приключилось, упаси бог!

Шимен-Эле отвязал поясок, поставил козу в сенях и начал сыпать как из мешка, заговаривать жене зубы:

— Слышь, жена, купил я тебе козу... Всем козам — коза. Подождут еще наши здешние хозяйки, покуда им приснится такая коза! Она и ест-то всего ничего! Раз в день пойло из отрубей, а потом немного соломы с крыши... А молока дает, не сглазить бы, не хуже коровы, дважды в день доится. Я сам видел полный подойник, дай мне бог так видеть все самое лучшее! Разве это коза? Мать, а не коза! Так она говорит, Теме-Гитл то

דאָס איבעריגע האָט שוין שמעון־אלי נישט געהערט. ער האָט אָנגערוקט דאָס היטעל און איז ארויס פון הויז אָנקוקען דאָס אומגליק, וואָס איהם האָט געטראָפען.

ארויסגעגאַנגען אין דרויסען צו דער ציעג און דערזעהען דעם שענעם תכשיט, ווי ער שטעהט צוגעבונדען צום פלעקעל פון דער טהיר און מעלה־גרה'ט זיך קאלטבלוטיג, איז ער געבליבען שטעהן אין דער הינהערפלעט, נישט געוואוסט, וואָס טהוט מען? וואוהין געהט מען? געשטאַנען, געטראַכט. געטראַכט, און א זאָג געטהאָן צו זיך אליין: „תמות נפשי עם פלשתים — עס וועט א רוח אין זייער טאַטענ'ס טאַטען אריין, דעם מלמד מיט דער מלמד'קע! זיי האָבען געפונען, מיט וועמען צו טרייבען קאַטאָוועס! איך וועל זיי געבען א קאַטאָוועס, וועט זיי זיין ווייסט אין פינסטער! דאַכט זיך, גאָר א נעבאַכעל אָט דער מלמד, מישט זיך כלומרשט נישט אין געשעפט, און צום סוף אזא מעשה! נישט אומזיסט האָבען די תלמידים געחיחיקעט בשעת דער רבי האָט מיך ארויסגע'משלח'ט מיט דער ציעג און די רבי'צין האָט מיר צוגעווינשעוועט, זי זאָל זיך ביי מיר מעלקען און מעלקען... איך וועל זיי געבען א מעלקען! איך וועל ביי זיי ארויסמעלקען דאָס דם־התמצית פון די קאָזאָדאָיעווקער כלי־קודש, טונעיאַרצעס, קאַטאָוועסטרייבער!...

אזוי האָט זיך געטראַכט „שמעון־אלי שמע־קולנו" און האָט זיך געלאָזט געהן צוריק קיין קאָזאָדאָיעווקע מיט דער דעה, ער זאָל זיי אָפּשפּיעלען א וויוואַט, ווי זיי זענען ווערטה!

געגאַנגען פערביי דער דעמבענער קרעטשמע און דערזעהען דעם רענדאַר אויף דער טהיר מיט'ן לולקעציבעקעל אין די צייהן, האָט זיך אונזער שניידער צעלאַכט נאָך פון דערווייטען.

— וואָס איז פאַר א שמחה אויף דיר, — פרעגט איהם דאָדי — וואָס דו לאַכסט אזוי?

— טהוט א קוק, זייט מוחל, אפשר וועט איהר אויך לאַכען? — זאָגט צו איהם דער שניידער און הויבט אָן לאַכען נאָך שטאַרקער, גלייך ווי צעהן שדים וואָלטען איהם געקיצעלט. — נו, ווי געפעלט אייך, אשטייגער, רב דאָדי, אזא שלאַק? כל האדם כוזב — וואו ערגיץ א צרה דאַרף עס טרעפען מיך! איהר פאַרשטעהט א מעשה? איך האָב דאָס געהאַט א פּסק פון מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט דאָס; זי האָט מיר געגעבען ברכב ובסוסים — אויף שיסעל און אויף טעלער, און דוקא אויפ'ן ניכטערען הארצען, עס זאָל נאָר פאַלען אויפ'ן מלמד מיט דער מלמדקע! מאַהלט אייך, איך וועל זיי נישט שווייגען, עס וועט זיין עין תחת עין — א פּאַטש פאַר א פּאַטש! איך האָב פיינט, אז מע טרייבט מיט מיר אזעלכע קאַטאָוועסלעך. אנו, גיט נאָר לעת־עתה, רב דאָדי, פאַר הארצוועהטיג א גלעזעל שפּירעט, דורכשווענקען דעם האלז, איך זאָל חאָטש כח האָבען צו רעדען און די נשמה זאָל נישט קלאַקגען... לחיים, רב דאָדי, לאָמיר זיין אידען, דאָס איז דער עיקר, ככתוב, ווי עס שטעהט געשריבען: היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט! זייט זיכער, איך וועל זיי שוין אָפּשפּיעלען א פריה־מאָרגען. איך וועל זיי באווייזען, ווי אזוי מע טרייבט קאַטאָוועס מיט צעך, שער און אייזען אונזער פאָלק עמך!

— ווער האָט דיר געזאָגט, אז ס'איז א קאַטאָוועס? — מאַכט דער רענדאַר גאַנץ תמ'עוואַטע און פּיפּקעט מיט'ן לולקעלע. — אפשר איז ביי אייך דאָרט ארויס א טעות אין די רעד?

שמעון־אלי איז אזש אונטערגעשפּרונגען פאַר כעס.

— משל כחרס הנשבר! וואָס רעדט איהר? איהר ווייסט, וואָס איהר רעדט? איך קום צו זיי לכתחילה קויפען א ציעג, און רעד מיט זיי ברחל בתך הנאַקעטע: א ציעג! זאָגט איהר נאָר דאָס!...

דאָדי פּיפּקעט מיט'ן לולקעלע, קניימשט מיט די פּלייצעס און צעפיהרט מיט די הענד, ווי איינער רעדט: „וואָס בין איך שולדיג? איך בין דאָך אודאי גאָט די נשמה שולדיג!"...

און שמעון־אלי חאַפּט די ציעג און לאָזט זיך געהן קיין קאָזאָדאָיעווקע, וחמתו בערה בו — און עס ברענט אין איהם א פייער.

жвачку, Шимен-Эле был ошеломлен и не знал, что делать, куда пойти... Он постоял, подумал-подумал и наконец произнес про себя:

— *«Да погибнет душа моя вместе с филистимлянами!»* Черт их, положим, заберет, этого меламеда с его благоверной вместе! Нашли с кем шутки шутить! Я им такие шутки покажу, что у них в глазах потемнеет! Казалось бы, такой тихоня этот меламед, совсем не касается мирских дел... А на поверку — такая история! Недаром мальчишки хихикали, когда он выпроваживал меня с этой козой! А жена еще пожелала мне на прощание, чтоб коза доилась и доилась...' Я им покажу, что значит доить! Соки все из них выдою, из этих козодоевских святош, тунеядцев, пересмешников!..

Так рассуждал Шимен-Эле и отправился обратно в Козодоевку с намерением устроить «концерт», от которого не поздоровится меламеду и его жене.

Увидев у дверей «Дубовой» корчмы шинкаря с трубкой в зубах, наш портной еще издали рассмеялся.

— Что это тебе так весело? — спросил Додя. — Чего ты смеешься?

— Взгляните, пожалуйста, может, и вы посмеетесь! — сказал портной и еще пуще расхохотался, точно черти его щекотали. — Как вам нравится, реб Додя, такая, к примеру, напасть? *«Всяк человек лжив»* — ни одна беда меня стороной не обходит! Понимаете, какая история? Ох, и получил же я нахлобучку от жены, то есть от Ципе-Бейле-Рейзы, дай ей бог здоровья! Уж она задала мне — *«и по колеснице и по коням»*, не поскупилась, да и натощак к тому же! Пусть все это сбудется на проклятом меламеде и на его жене! Можете мне поверить, что я не смолчу! Воздам *«око за око»* — оплеуху за оплеуху! Я терпеть не могу, когда со мной шутки шутят! А ну, дайте-ка, реб Додя, с горя горло промочить, чтоб сил хватило разговаривать и чтоб душа не ныла... Лехаим! * Будем здоровы, реб Додя! Как сказано: *«Ныне день великого суда...»* — главное, не тужить! Будьте уверены, уж я им покажу, как шутки шутить с нашим братом цеховиком, утюг да ножницы, черт возьми!

— А кто тебе сказал, что это шутка? — спросил, прикидываясь дурачком и попыхивая трубочкой, шинкарь. — Может, вы там не столковались как следует?

Шимен-Эле даже подскочил на месте.

— Сказали тоже! Что вы такое болтаете? Вы понимаете, что говорите? Прихожу специально покупать козу, толкую людям яснее ясного: козу, понимаете, козу... А вы говорите...

Додя продолжал курить, пожимая плечами, и разводил руками, точно желая сказать: «А я тут при чем? Я-то ведь и вовсе не виноват...»

И Шимен-Эле, схватив козу, направился в Козодоевку. *«И ярость загорелась в нем»* — а гнев пылал в нем ярким пламенем.

## קאפיטעל ז.

ו ה מ ל מ ד — און דער מלמד האט זיך גענומען זיין מלאכה, דאס הייסט, ער איז געזעסען און געקנעלט מיט זיינע תלמידים, געלעהרענט אלץ יענעם ענין פון „נזיקין“, און זייער געשריי האט זיך געלאזט הערען איבער׳ן גאנצען שוהלהויף: כ ש כ ש ה ב ז נ ב ה — זי האט א זעץ געטהאן מיט׳ן ווידעל, די בהמה, ו ש ב ר ה א ת ה כ ד — און זי האט צעבראכען דאס קריגעל“...

— על ישראל ועל רבנן ועל תלמידיהון — א גוטער מארגען זאל אייך זיין, רבי, מיט אייערע תלמידים! — זאגט שמעון־אלי. — איהר מעגט מפסיק זיין אויף א מינוט, נישקשה, די בהמה וועט נישט אנטלויפען און דאס צעבראכענע קריגעל וועט שוין במילא גאנץ נישט ווערען. וואס טוינ מיר גרוים — איהר האט מיר אפגעטהאן א רעכט שפיצעל, טאקי אויף קאטאוועס, נאר וואס דען? א ה ב ת י כ י י ש מ ע ל י — איך האב פיינט אזעלכע קאטאוועסלעך! איהר האט דאך געהערט מסתמא די מעשה פון יענע צוויי אידען, וואס זענען געוועזן ערב שבת אין מרחץ אויף דער איבערשטער באנק? רופט זיך אן איינער צום אנדערען: „נא דיר מיין בעזעמעל און שמיים מיך אפ“. איז זיך מיישב יענער און טיילט איהם איין, ווי עס געהער צו זיין, צעקאראשעט דאס לייב ביז׳ן בלוט אריין. זאגט צו איהם דער געשמיסענער: „די מעשה דערפון איז אזוי. אויב דו האסט זיך געוואלט מיט מיר אפרעכענען דא, אויף דער אויבערשטער באנק, בשעת איך ליג א נאקעטער און דו האסט א בעזעמעל אין האנד, — מהכתיתי, ביזט דו גערעכט; נאר טאמער מיינסט דו דאס אויף קאטאוועס, זאג איך דיר, אז איך האלט נישט פון אזעלכע קאטאוועסלעך!“...

— אקעגען וואס איז דער משל? — פרעגט איהם דער מלמד, טהוט־אויס די ברילען און קראצט זיך מיט זיי אין אויהער.

— דער משל — מאכט שמעון־אלי — איז טאקי אקעגען אייך אליין מיט דער שענער ציעג, וואס איהר האט מיר אריינגערוקט בשגגה, דאס הייסט אויף א געלעכטער. פון אזא געלעכטער, הערט איהר, קאן אייך ארויסוואכסען א געלעכטער אויפ׳ן פופיק! מיינט נישט, אז איהר האט צו טהון מיט גלאט עפיס א פאלנע; איך בין שמעון־אלי חיים מק"ק זלאדייעוקע, חברה־מאן אין צעך און גבאי אין שניידערשען שוהלכען, שער און אייזען אונזער פאלק עמך!

ביי די לעצטע ווערטער איז שמעון־אלי אויש אונטערגעשפרונגען, און דער מלמד האט אנגעטהאן צוריק די ברילען און האט בעטראכט דעם שניידער, ווי א מענשען, וואס רעדט פון היץ, און דער גאנצער חדר האט זיך געשטיקט פון געלעכטער.

ל מ ה ה ר ע ו ת ל ע ם ה ז ה — וואס קוקט איהר מיך אן, ווי א בייזער מארשעלעק? — רופט זיך אן דער שניידער שוין מיט כעס. — איך קום צו אייך צו געהן און קויף ביי אייך א ציעג, געהט איהר און רוקט מיר אריין דער רוח ווייסט וואס!

— סע געפעלט אייך נישט די ציעג? — פרעגט איהם דער מלמד בתמימות.

— די ציעג, זאגט איהר? ס׳איז אזוי א ציעג, ווי איהר זענט גובערנאטאר!

דער גאנצער חדר שיסט־אויס א געלעכטער, און עס קומט אן טעמע־גיטעל די שטילשווייגענדיגע, און דא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע חתונה: שמעון־אלי רעדט און טעמע־גיטעל רעדט איהם איבער; דער רבי זיצט און קוקט, די תלמידים לאכען; זיי רעדען ביידע אזוי לאנג, ביז טעמע־גיטעל ווערד אין כעס, חאפט דעם שניידער פאר׳ן האנד און שלעפט איהם.

— קומט, קומט צום רב! לאזען חאטש אידען זעהן, ווי א זלאדייעווקער״שניידער טשעפעט זיך! טראכט אויס א בלבול!

— קומט! — זאגט שמעון־אלי. — אדרבה, לאזען מענטשען זעהען, ווי עהרליכע אידען, כלי־קודש כלומרשט, דערטאפען א פרעמדען מענטשען און מאכען פון איהם א האנטשירקע, ווי מיר זאגען אין לאנג־והוא־רחום: ל ל ע ג ו ל ק ל ע מ ע נ י ש... קומט

## Глава седьмая

Меламед тем временем занимался своим делом, то есть сидел с учениками все над тем же трактатом об убытках, и крики их оглашали весь двор синагоги: *«И она вильнула хвостом»* — и она, корова то есть, ударила хвостом и разбила кувшин...

— Мир вам, мир наставникам и питомцам! Доброго утра, ребе, вам и вашим ученикам! — произнес, войдя, Шимен-Эле. — Можете прервать на минуточку! Ничего не случится: корова не убежит, а кувшин все равно целым не станет. Скажу вам коротко: сыграли вы со мною шутку. Может, вы и пошутили, но я, знаете ли, *«люблю послушание»*, я таких шуток терпеть не могу! Ведь вы, наверное, слыхали историю о тех двоих, которые в канун субботы мылись в бане на верхнем полке? Один говорит другому: «Вот тебе мой веник, попарь меня!» А тот, не долго думая, взял веник, да и отделал его честь честью, до крови. Тогда побитый и говорит: «Дело вот в чем. Если ты хотел со мной рассчитаться и воспользоваться тем, что я лежу на верхнем полке голый, а у тебя веник в руках, то ты, пожалуй, прав. Но если ты это сделал шутки ради, то должен тебе сказать, что мне такие шутки не нравятся!..»

— Это вы к чему? — спросил меламед, сняв очки и почесывая ими в ухе.

— А это я насчет вас самих и насчет замечательной козы, которую вы мне всучили нечаянно, то есть смеха ради! Но только от такого смеха, знаете ли, можно себе животики надорвать!.. Вы не думайте, что имеете дело с каким-нибудь портняжкой! Я — Шимен-Эле, портной из города Злодеевки, цеховик и староста в портновской синагоге, мы — люди мастеровые, утюг да ножницы, черт возьми!

При последних словах Шимен-Эле даже подпрыгнул, а меламед снова надел очки и стал разглядывать его, как больного, который бредит... Ученики задыхались от распиравшего их смеха.

— *«За что причинил ты зло народу сему?»* По какому случаю вы смотрите на меня, как на шута горохового? — спросил уже в сердцах Шимен-Эле. — Я прихожу к вам покупать козу, а вы мне всучили черт знает что!

— Вам не нравится коза? — недоуменно спросил меламед.

— Коза, говорите вы? Это такая же коза, как вы — губернатор!

Ученики покатились со смеху. Но в это время вошла Теме-Гитл Молчальница, и тут только и пошло все по-настоящему: Шимен-Эле говорит, а Теме-Гитл надрывается, Хаим-Хоне Разумник сидит и наблюдает, а ученики хохочут... Наконец Теме-Гитл рассердилась не на шутку, схватила портного за руку и потащила:

— Идем! Пойдем к раввину! Пусть люди видят, как злодеевский портной придирается, выдумывает, клевещет!

— Пойдем! — согласился Шимен-Эле. — Вот именно, пускай видят, как порядочные люди, люди, можно сказать, духовного звания, поймали чужого человека и строят из него дурака... Как в молитве сказано: *«На позор да на посмешище...»* Пойдемте и вы, уважаемый ребе! — обратился он к меламеду.

דער מלמד בויגט זיך אָן צום שניידער, און דער שניידער, וואָס האַלט זיך די גאַנצע צייט ביי'ם בערדעל, שטעהט מיט צו־געמאַכטע אויגען, דאָס קעפּעל אביסעל אויף א זייט, און שאָקעלט זיך און זאָגט אויף זיין לשון:

— אמת ויציב ונכון! זי הייסט אלע דריי נעמען: ציפּע און ביילה און רייזה. אזוי האָט מען איהר א נאָמען גע־געבען, און אזוי רופט מען זי פון זינט איך קען זיך מיט איהר שוין פּאַוואָלינקע א יאָהר דרייסיג. נאָר לאָמיר האָרכען, וואָס וועט איהר ווייטער זאָגען, ידידי? איהר פאַררעדט נאָר נישט די ציין! איהר רעדט בעסער עסק, על הראשונים ועל האחרונים — וואָס איך האָב גערעדט און וואָס איהר האָט גערעדט, ווי שלמה המלך זאָגט: „אין חדש תחת השמש" — קיין חכמות געהט נישט אָן...

— איך ווייס גאָר נישט איך! — מאַכט דער מלמד דער־שראָקען און בעווייזט אויף דער מלמד'קע. — זי האָט מיט איהם גערעדט זי, זי האָט מיט איהם געהאַנדעלט זי. איך ווייס גאָר נישט איך!

— אַצינד — זאָגט דער רב — לאָמיר האָרכען, וואָס וועט זי עפּיס זאָגען?

און דער רב בעווייזט מיט'ן פינגער אויף דער מלמד'קע, און טעמע־גיטעל די שטילשווייגענדיגע ווישט זיך אָפּ די ליפּען, שפּאַרט זיך אונטער מיט איין האַנד, און מיט דער אַנדערער האַנד הויבט זי אָן צו טענה'ן גיך, אָהן איין אָפּשטעל, און דאָס פּנים בשעת מעשה פלאַמט איהר ווי א פייער.

— הערט זשע אויס, אידישע קינדער, די מעשה דערפון איז אזוי: אָט דער איד, דער זלאָדייעווקער שניידער הייסט דאָס, זאָל מיר מוחל זיין, איז... איז אָדער א משוגענער, אָדער א שכור, אָדער איך ווייס אליין נישט וואָס! איהר האָט געהערט א מעשה? א איד קומט צו מיר צו געהן אזש פון זלאָדייעווקע אָט דער דאָ־זיגער, און טשעפּעט זיך צו ווי א קלעק, איין מאָל פאַר אלע מאָל, איך זאָל איהם פאַרקויפען א ציעג, איך האָב געהאַט צוויי, און דערצעהלט מיר דערביי א פּזמון, אז ער וואָלט קיין ציעג נישט געקויפט, ער באַדאַרף זי אויף כ־כ־כפּרות, נאָר אזוי ווי ער האָט א ווייב, ציפּה־ביילה־רייזה הייסט זי, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אלע מאָל — א ציעג! און א ווייב, זאָגט ער, באַדאַרף מען פאָלגען, איהר פאַרשטעהט א משל? טענה איך: וואָס נעהט דאָס מיך אָן? איהר ווילט ביי מיר אוועקקויפען א ציעג, פאַרקויף איך אייך, דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציעג גאָר נישט פאַרקויפט פאַר קיין געלט, ווארום וואָס איז געלט? געלט איז קיילעכיג. געלט געהט אוועק און א ציעג בלייבט א ציעג, ובפרט נאָך אזא ציעג — ס'איז דען א ציעג? ס'איז א מאַמע, נישט קיין ציעג! קיין עין־הרע, איהר גרינג מעלקען זיך, איהר מילך געבען, היינט איהר עסען משטיינס געזאָגט, זי עסט דען עפּיס? איין מאָל אין טאָג א „פּילע" פון קלייען, דאָס איבעריגע א ביסעל שטרוי פונ'ם דאַך פון בית־המדרש. נאָר צוריק שמועסענדיג, האָב איך מיך מיישב געווען אזוי: איך האָב דאָך, קיין עין־הרע, צוויי ציעגען, און געלט איז א יצר־הרע... בקיצור, דאָ האָט זיך שוין אריינגעמישט מיין מאַן, זאָל לעבען, און מיר זענען דורכגע־קומען מיט'ן שניידער פאַר'ן מקח — מיינט איהר, וויפיעל? נישט מעהר זאָלען מיינע שונאים פאַרמאָגען, רבונו של עולם! און איך האָב איהם אָפּגעגעבען די ציעג, אויף אלע מיינע ליעבע געזאָגט געוואָרען אזא ציעג. ס'איז דען א ציעג? א מאַמע, נישט קיין ציעג! קומט ער צו געהן, דער שניידער, מיט א בלבול, ס'איז נישט קיין ציעג, זאָגט ער! שאַ, ווייסט איהר וואָס? אָט שטעהט זי. גיט, זייט מוחל, אהער א מעלקשעפעל, וועל איך זי אויסמעלקען פאַר אייך אין די אויגען!

און זי האָט אנטליהען ביי דער רבי'צין דאָס מעלקשעפעל און האָט אויסגעמאָלקען די ציעג פאַר אלעמען אין די אויגען, צונעטראָגען דאָס שעפעל מיט מילך איטליכען בעזונדער, פריהער, געוויינטליך, דעם רב, נאָכדעם די דיינים, און נאָכדעם די שבעה

— Истина глаголет вашими устами, — ответил он. — У нее три имени: Ципе, Бейле и Рейза. Так ее нарекли, так ее и зовут с тех пор, как я ее знаю, потихоньку да полегоньку уже лет тридцать. Однако послушаем, что вы еще скажете, друг мой? Вы только зубы не заговаривайте! Давайте ближе к делу, *«о первом и о последующем»*, — что я говорил и что вы говорили... Как Соломон-мудрый сказал: *«Ничто не ново под солнцем»* * — увертки тут не пройдут!

— Да я знать ничего не знаю! — испуганно ответил меламед и указал на свою жену. — Она с ним разговаривала, она с ним торговалась. А я ничего не знаю!

— Теперь, — сказал раввин, — послушаем, что скажет она.

Он указал пальцем на Теме-Гитл Молчальницу, а та вытерла губы, подперлась одной рукой и, размахивая другой, заговорила быстро, без остановки, и лицо ее при этом пылало.

— Послушайте же, как было дело. Вот этот человек, этот злодеевский портной то есть, да простит он меня, либо... сумасшедший, либо пьяница, либо сама не знаю что! Слыханное ли дело? Человек приходит ко мне аж из Злодеевки и пристает ко мне, как клещ, — продай да продай ему козу (а у меня их было две)... И рассказывает при этом целую басню о том, что он не стал бы покупать козы, что она ему ни к чему, но так как у него есть жена, то есть Ципе-Бейле-Рейза, и она заупрямилась, требует, чтобы он купил козу, и так как жену надо слушаться... Понимаете? Я ему говорю: какое мне до этого дело? Хотите купить у меня козу, я вам продаю, хотя, с другой стороны, я не стала бы продавать козу ни за какие деньги... Что такое деньги? Деньги — они круглые, деньги уходят, а коза козой остается... Да еще такая коза? Разве это коза? Мать, а не коза! Как она, не сглазить бы, легко доится! А сколько молока дает! Да и ест она всего-то ничего. Раз в день пойло из отрубей, а там немного соломы с крыши... Но, с другой стороны, я подумала: у меня, не сглазить бы, две козы, а деньги — соблазн... Короче говоря, тут вмешался мой муж, дай ему бог здоровья, и мы с портным поладили. И сколько, думаете, я получила? Врагам моим иметь бы не больше, господи боже мой! А отдала козу — дай бог всем моим дорогим и близким такую козу! Разве это коза? Мать, а не коза! И после этого приходит портной и возводит на меня поклеп! Коза, говорит он, не коза! Погодите, знаете что? Вот она тут стоит. Дайте мне, прошу вас, подойник, я ее подою у вас на глазах!

Теме-Гитл взяла у раввинши подойник, подоила в присутствии всех козу и поднесла каждому посмотреть посудину с молоком. Первому, разумеется, раввину, потом дайену, затем — «семерым радетелям города», а там уже и всем остальным.

טובי העיר, און דעם איבעריגען עולם, און ס'איז געוואָרען ביי'ם רב אין שטוב א ליאַרעם, א געפּילדער — הימעל עפען זיך! דער האָט געזאָגט: מע בעדאַרף קנס'ענען דעם זלאָדייעווקער שניידער, ער זאָל שטעלען משקה! דער האָט געזאָגט: קנס'ענען אליין איז נאָך ווינציג — מע בעדאַרף ביי איהם צונעמען די ציעג! און דער האָט געזאָגט: ניין, די ציעג איז א ציעג, לאָז ער זיך עלטערען מיט איהר אין עושר און אין כבוד; מע בעדאַרף איהם מכבד זיין מיט גוטע עטליכע פּאַנטאָפּעל און ארויסוואַרפען מיט דער ציעג אינאיינעם צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

דערזעהען אזא מעשה, האָט זיך שמעון־אלי פּאַוואָלינקע ארויסגערוקט פון'ם רב'ס שטוב און האָט געמאַכט פּליטה.

---

## קאַפּיטעל ח.

וישא החיט את רגליו — און דער שניידער האָט גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און איז אוועק מיט דער ציעג אהיים גיך און געשווינד, ווי א מענש, וואָס לויפט פון א שרפה. ער האָט זיך ארומגעקוקט, צי מע יאָגט איהם חלילה נישט נאָך, און האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז ארויס „חנם אין כסף — טרוקען אָהן פּעטש"...

דורכגעגאַנגען פערביי דער דעמבענער קרעטשמע, האָט זיך שמעון־אלי געקלערט: „מכות וועסט דו ביי מיר וויסען דעם אמת!" און ער האָט פערלייקענט פאַר דאָדי'ן די גאַנצע מעשה.

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעגט איהם דאָדי כלומרשט נייגיעריג.

— וואָס זאָל זיך הערען? — זאָגט שמעון־אלי. — פאַר מיר האָט מען דרך־ארץ! מיט מיר טרייבט מען נישט קיין קאַטאָוועס. כי אדם אני ולא פּארך — איך בין דאָך עפּיס נישט קיין יונגעלע! איך האָב דאָס א ביסעל געעפענט אויף זיי א פּה־קדוש, זיך פאַרהערט א ביסעל מיט'ן מלמד אין תורה, לאָזט זיך אויס, אז איך ווייס בעסער פון איהם, וואָס אין די קליינע אותיות סחוט זיך... בקיצור הדבר, זיי האָבען מיך איבערגעבעטען און געגעבען מיר די ציעג, וואָס איך האָב געקויפט. אָט איז זי. נאָט אייך זי אויף א מינוט, ככתוב, ווי אין פּסוק שטעהט: הנפש קח לך והרכוש תן לי — נעמט אייך דעם נפש און מיר גיט א ביסעל בראָנפען.

„נענוג ער איז א גדלן, איז ער נאָך א ליגנער אויך!" — טראַכט זיך דאָדי דער רענדאַר. — „מע בעדאַרף מיט איהם מאַכען נאָך א מאָל דאָס אייגענע שפּיעל און הערען, וואָס וועט ער זאָגען ווייטער?"

און צום שניידער האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פון דיינעטוועגען, שמעון־אלי, א גלעזעל אלטען „ווישניק", אויב דו האָסט חשק.

— פון'ם יין המשומר? — מאַכט שמעון־אלי און בעלעקט זיך אויש. — מהכתיתי, ווייזט אהער, וועלען מיר אייך זאָגען א מבינות; איך ווייס, אז ביי אייך דאַרף זיין א גוט גלעזעל ווישניס, נאָר לאו כל ארם כוזב — נישט איטליכער איז דערויף א מבין.

אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזעל, האָט זיך ביי אונזער שניידער אויפגעבונדען די צונג און ער רופט זיך אָן צום רענדאַר:

— זאָגט נאָר, מיין ליעבער קרוב, איהר זענט דאָך עפּיס א איד, וואָס קאָטאָרי איהר זענט נישט קיין נאַר, כלעבען, און איהר קעהרט זיך אָן מיט אלערליי מענטשען; זאָגט מיר נאָר, איהר גלויבט אין כישוף? פאַרבלענדעניש?

— דהיינו? — פרעגט איהם דאָדי תמ'עוואַטע.

— דהיינו — זאָגט שמעון־אלי — א דבוק, א לץ, א נישט־גוטער, א גלגול?...

— אַקעגען וואָס זאָגסטו דו דאָס? — מאַכט דאָדי מיט א תמ'עוואַטען פּנים און פּיפּקעט מיט'ן לולקעלע.

В доме раввина поднялся шум, гам, крики — столпотворение! Один кричит: «Надо его оштрафовать, этого злодеевского портного! Пусть водки поставит!» Другой говорит: «Мало того! Надо у него козу отобрать!» А третий предлагает: «Нет, коза козой. Пускай он с ней состарится в богатстве и почете! Его надо угостить парочкой хороших тумаков и вышвырнуть вместе с козой ко всем чертям!»

Увидев, как обстоит дело, Шимен-Эле потихоньку выбрался из дома раввина и дал тягу.

## Глава восьмая

*И поднял портной ноги свои* — и взял Шимен-Эле, как говорится, ноги на плечи и двинулся с козой к дому так быстро, будто от пожара спасался. Оглядывался, не гонятся ли за ним, и благодарил бога за то, что выскочил *«даром, без выкупа»* — сухим, без единой оплеухи...

Проходя мимо «Дубовой» корчмы, Шимен-Эле подумал: «Черта с два ты у меня правду узнаешь!» И скрыл от Доди всю историю.

— Ну, что слыхать? — спросил Додя с напускным любопытством.

— А чего там слыхать? — ответил Шимен-Эле. — Меня, знаете ли, побаиваются! Со мной шутки плохи! *«Человек бо есмь»* — потому что я не мальчик! Раскрыл я уста свои, померились мы с меламедом насчет учености, и оказалось, что я получше его знаю толк во всяких премудростях... Короче говоря, попросили у меня прощения и вернули ту самую козу, которую я у них покупал. Вот она! Возьмите ее на минутку, как в Писании сказано: *«Возьми себе душу, а достояние отдай мне»* — возьмите это создание, а мне дайте рюмочку водки.

«Мало того что гордец, еще и лгун к тому же! — подумал шинкарь. — Надо будет еще раз сыграть с ним ту же шутку... Послушаем, что он тогда скажет...»



А портному сказал:

— Имеется у меня для тебя, Шимен-Эле, стопочка старой вишневки, если есть у тебя желание

— Райского вина? — отозвался Шимен-Эле и даже облизнулся. — Ну что ж, давайте попробуем и скажем свое мнение. Я знаю, что у вас должна найтись добрая стопочка вишневки, но *«не всяк человек лжив»*, то есть не всякий знает толк в таких вещах!

После первой же рюмки у нашего портного развязался язык.

— Скажите-ка, дорогой мой родственник, — обратился он к шинкарю. — Ведь вы человек неглупый и со всякими людьми дело имеете... Скажите на милость, верите вы в колдовство? В наваждение?

— А именно? — с притворным недоумением спросил Додя.

— איך שמועס עס גלאט אזוי אקעגען דרינען. — זאגט „שמעון־אלי שמע־קולנו" און הערט נישט אויף צו רעדען פון גלגולים, פון כשפים, פון מכשפות, שדים און רוחות, לצים, שרע־טעלעך, וואוקעלאקעס. דאדי הערט־צו כלומרשט מיט קאפ, פיפ־קעט מיט'ן לולקעלע; נאכדעם שפייט ער אויס און רופט זיך אן צום שניידער:

— דו ווייסט, שמעון־אלי, וואס איך וועל דיר דערצעהלען? איך וועל היינטיגע נאכט, דאכט מיר, מורא האבען שלאפען. איך וועל דיר זאגען דעם אמת, פאר מתים האב איך תמיד מורא גע־האט, נאר פון היינט אן הויב איך שוין אן גלויבען אין גלגולים און אין לצים אויך...

— א ברירה האט איהר? — מאכט צו איהם דער שניי־דער. — פרובט נישט גלויבען! אנו, לאז זיך נאר ארייננחאפען צו אייך עפים א רעכטער לץ און אנהויבען פראווען זיינע רעכטע שטיק: איבערקעהרען אייך די רייזישע בארשטש, אויסגיסען דאס וואסער, אויסטרינקען אלע קרינלעך, איבערברעכען אייך אלע טעפ־לעך, פארקניפען די ציצית פונ'ם טלית־קטן, ארייננווארפען אייך א קאץ אין בעט אריין, און די קאץ זאל ליגען ביי אייך אויפ'ן הארצען, ווי צעהן פוד משא, און איהר זאלט זיך נישט קאנען ריהרען, און אז איהר וועט אויפשטעהן, זאל אייך די קאץ קוקען גלייך אין די אויגען אריין, ווי א זינדיגער מענטש...

— נענוג! נענוג! — מאכט דער רענדאר, שפייט־אויס און פערווארפט מיט די הענד. — נענוג דיר שוין צו דערצעהלען אקעגען נאכט אזעלכע מעשיות!

— זייט מיר געזונט, רב דאדי, האט קיין פאראיבעל נישט, וואס איך האב אייך א ביסעל דעקוטשעט; איהר ווייסט אליין, אז איך בין נישט שולדיג, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט: ל א היו דברים — ניע מיעלא באבא חלאפאטע... א גוטע נאכט!

---

קאפיטעל ט.

כשבא החיים — אז דער שניידער איז געקומען אהיים, איז ער אריין אין שטוב אריין מיט א ירגזון, גאנץ ברייטליך, און האט געוואלט געבען א פעטשאטעק זיין ווייב, ווי זי איז ווערטה; נאר ער האט זיך איינגעהאלטען מיט אלע כחות. ער האט זיך געטראכט: „עס, א אידינע בלייבט א אידינע! לאז מיינס איבער־געהן!" און פון דרך־שלום וועגען האט ער דערצעהלט פאר זיין ווייב א שענעם ליגען.

— הערסט דו, ציפה־ביילה־רייזה מיין ברודער? פאר מיר האט מען, אפנים, פארט דרך־ארץ. מילא, וואס דער מלמד מיט דער מלמד'קע האבען פון מיר נעהאט — בין איך דיר מוחל; איך האב זיי נעגעבען, וויפיעל עס איז אין זיי אריין! און חוץ לזה האב איך זיי אוועקגעשלעפט צום רב, האט דער רב אפגע־פסק'ענט, אז זיי באדארפען צאהלען קנס, ווארום אז אזא איד, ווי שמעון־אלי, קומט צו זיי האנדלען א ציעג, באדארף זיין ביי זיי דער גרעסטער כבוד, ווארום אט דער שמעון־אלי, זאגט דער רב, איז א איד קאטארי וועלכער...

ציפה־ביילה־רייזה האט אבער מעהר נישט געוואלט אויס־הערען די שבחים, וואס מע לעגט אויף איהר מאן. זי האט שוין געוואלט אנקוקען וואס גיכער די אמת'ע ציעג, וואס איהר מאן האט געבראכט; האט זי נעחאפט דאס טעפעל און איז אוועק אין הויז אויסמעלקען די ציעג. און עס האט נישט לאנג געדויערט און ציפה־ביילה־רייזה איז ארייננעלאפען אין שטוב אריין שוין אהן ווערטער; זי האט אנגענומען שמעון־אלי'ן מחילה פון הינ־טען ביי'ם קאלנער און האט איהם מיט דריי גוטע סטוסאקעס ארויסגעווארפען מיט דער שענער ציעג אינאיינעם „צו אלדי שוואר־צע וויסטע פינסטערע יאהר!"...

געבליבען אין דרויסען מיט דער שענער ציעג, האבען זיך ארום דעם שניידער צונויפגעקליבען א גאנץ רעדעל אידען, ווייבער און קינדער, און האבען אויסגעהערט די חדושים, וואס שמעון־אלי האט זיי דערצעהלט, אז די דאזיגע ציעג, וואס ער האלט אויפ'ן

— А именно... В оборотней, в чертей, в нечистую силу, в привидения?

— Это ты к чему же говоришь? — с тем же наивным видом продолжал Додя, попыхивая трубкой.

— Я вообще спрашиваю, — ответил Шимен-Эле и заговорил о переселении душ, о колдунах и ведьмах, о чертях и духах, привидениях, о нечистых и вурдалаках.

Додя делал вид, что слушает внимательно, попыхивал трубкой, потом сплюнул и сказал:

— Знаешь, Шимен-Эле? Мне сегодня, кажется, спать страшно будет. Скажу тебе по правде, что покойников я всегда страшился, а теперь начинаю верить и в оборотней и в домовых...

— А что вам остается? — ответил портной. — Попробуйте не верить! Пусть заберется к вам какая-нибудь нечисть и начнет вытворять свои штуки: опрокинет кадку с борщом, воду выльет, опустошит все кринки, горшки перебьет, кошку вам в кровать подбросит, да так, чтобы кошка лежала десятипудовым грузом у вас на груди и чтобы вы двинуться не могли... А проснетесь, кошка прямо вам в глаза глядит, как грешный человек.

— Хватит! Довольно! — крикнул шинкарь, отплевываясь и отмахиваясь обеими руками. — Довольно тебе на ночь глядя такие страсти рассказывать!

— Ну, будьте здоровы, реб Додя, извините, если надоел. Сами знаете, я не виноват... Как в Писании сказано: *«Не было у бабы хлопот...»* Спокойной ночи!

## Глава девятая

Вернувшись в Злодеевку, портной вошел в дом насупившись, с явным намерением отчитать жену по заслугам. Однако сделал над собой усилие и сдержался. «Ах, — подумал он, — баба так и остается бабой! Что с нее возьмешь? Где мое не пропадало!» И ради сохранения мира принялся рассказывать жене только что сочиненную историю:

— Что я тебе скажу, Цине-Бейле-Рейза, — братец! Меня, видать, и в самом деле побаиваются. Ну, о том, как досталось от меня меламеду и его супружнице, я рассказывать не стану... Дал я им сколько влезло! А кроме того, я потащил их к раввину, и раввин постановил, что они должны уплатить штраф, потому что раз такой человек, как Шимен-Эле, приходит к ним покупать козу, то они это должны почитать за особую честь для себя, ибо Шимен-Эле, говорит раввин, это такой человек, который...

Однако Цине-Бейле-Рейза не пожелала слушать, как превозносят ее мужа. Ей не терпелось увидеть настоящую козу, которую привел Шимен-Эле. Она схватила посудину и пошла в сени. Прошло немного времени, и Цине-Бейле-Рейза вбежала в дом, ничего уже не говоря. Она ухватила мужа за шиворот, дала ему добрых три тумака и вытолкнула его вместе с его хваленой козой «ко всем чертям, к дьяволу в зубы!».

Во дворе портного с козой окружила толпа. Собрались мужчины, женщины, дети — послушать удивительные вещи, которые рассказывал Шимен-Эле. Вот эта самая коза, которую он держит на привязи, только в Козодоевке по-настоящему коза: там она доится, там она

אין יענער נאכט האט זיך שמעון־אלי דער שניידער ארומ־געדרעהט איינער אליין אין אלע הינטערגעסלעך מיט׳ן תכשיט, וואס ער האט איינגעהאנדעלט אין קאזאדאיעווקע, זיך געהיט פאר די ווייסע־חברה׳ניקעס, מע זאל איהם נישט דערזעהען. ער האט גערעכענט, אז עס וועט ווערען טאג, זאל ער זיך ווידער לאזען אין וועג אריין, און דערווייל האט ער זיך אריינגעחאפט צו האדעל דער אקציזניטשקע אין שענקעל, נעמען פאר הארצוועהטיג א ביסעל בראנפען און אויסרעדען זיך א ביסעל דאס הארץ, זיך האלטען מיט איהר איין עצה מכח דעם אומגליק, וואס ער האט אויף זיך גענומען.

האדעל די אקציזניטשקע איז געווען א ווייבעל איין אלמנה, א „מאנסבילשער קאפ", אויסגעבונדען מיט גאנץ „נאטשאלסטווע" און א גוטע שוועסטער מיט אלע בעלי־מלאכות אין שטאדט. פון וואנען נעמט זיך דער נאמען „אקציזניטשקע"? איבער א מעשה, וואס זי איז מיידעלווייז געווען זעהר א שענע, א יפת־תואר; האט איין אקציזניק, זעהר א רייכער, זי דערזעהען איינמאל דורכ־פאהרענדיג פארביי זלאדייעווקע, בשעת זי האט געטראגען גענז צום שוחט; האט זי דער אקציזניק אפגעשטעלט און א פרעג געטהאן:

— מיידעל, וועמענ׳ס ביזט דו?

האט זי זיך פערשעמט, צעלאכט און איז אנטלאפען גע־ווארען; האט מען איהר פון דעמאלט אן א נאמען געגעבען „די אקציזניטשקע"... אנדערע זאגען, אז דער אקציזניק איז געווען ביי איהר נאכדעם אין דער היים, גערעדט מיט איהר טאטען, נחמיה ווינאקור, געוואלט פאר איהר חתונה האבען, זי נעמען ווי זי שטעהט און געהט און נאך צוצאהלען איהר טאטען אין בייטעל אריין. איז שוין כמעט געווען „תנאים", האט דאס שטעדטעל זי גענומען אין די מיילער אריין, איז צעקראכען געווארען דער שידוך, און זי האט נאר חתונה געהאט נאכדעם א שטילע חתונה פאר עפים א שלים־מזל, א חולה־נופל׳דיגען; האט זי שטארק געוויינט, נישט געוואלט געהן צו דער חופה, האט זיך דעמאלט די גאנצע שטאדט געוויעגט. מע האט געזאגט, אז זי איז נאר געווען פערקאכט אינ׳ם אקציזניק, און מע האט געמאכט א ליעדעל אויף איהר, וואס ווייבלעך און מיידלעך זינגען דאס נאך עד היום אין זלאדייעווקע: דאס ליעדעל הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

„די לבנה האט געשיינט,
האלב נאכט איז געווען —
און האדעלע זיצט ביי דער טיר..."

און עס לאזט זיך אויס מיט די ווערטער:

„איך האב דיך ליעב, דושינקע,
גאר אהן איין עק,
איך קאן אוש ניט לעבען אהן דיר!"

אט דאס איז געווען האדעל די אקציזניטשקע, און פאר איהר האט דאס אונזער שניידער אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ: דער־צעהלט אלסדינג, וואס ביי איהם אויף דער נשמה טהוט זיך, און געבעטען, זי זאל איהם געבען איין עצה: וואס טהוט מען?

— וואס טהוט מען? איהר זענט דאך עפים יא, ווי דוד המלך זאגט אין שיר־השירים: שחורה אני ונאוה — ווער ס׳איז שען, איהר זענט ביידע זאכען... גיט מיר איין עצה: וואס טהוט מען?

— וואס זאל מען טהון? — זאגט צו איהם האדעל און שפייט־אויס. — איהר זעהט דען נישט, אז ס׳איז א גלגול? וואס וועט איהר זיך האלטען מיט דער באמבע? נעמט אוןווארפט איהם ארויס צו אלדי שווארצע יאהר! איהר קאנט נאך האבען, חס ושלום, דעם אייגענעם פסק, וואס מיין מוהמע פערעל האט געהאט, לאז זי זיין ווייט אפגעשיידט פון מיר, זי איז שוין אויף דער אמת׳ער וועלט.

— דהיינו? — פרעגט שמעון־אלי דערשראקען.

улкам, стараясь не попадаться на глаза мальчишкам. Он полагал на рассвете снова пуститься в путь, а пока зашел к акцизничихе Годл в шинок выпить с горя рюмочку водки, излить душу и посоветоваться с ней насчет постигшего его несчастья.

Акцизничиха Годл была вдова, с «мужской головой на плечах», якшалась с начальством и дружила со всеми мастеровыми в городе. А прозвали ее акцизничихой вот почему. Девушкой она была очень хороша собой, просто красавица. Однажды ее увидел проезжавший через Злодеевку акцизник*, очень богатый человек. Годл несла гусей к резнику. Акцизник остановил ее и спросил:

— Девушка, чья ты?

Она застыдилась, рассмеялась и убежала. С тех пор ее и прозвали акцизничихой... Иные, впрочем, говорят, что акцизник приходил потом к ней домой, говорил с ее отцом Нехемье-винокуром, хотел жениться на ней, взять без приданого да еще приплатить отцу. Дело как будто шло уже к помолвке, но в городе стали по этому поводу языки чесать, и сватовство расстроилось. Годл потом выдали замуж за какого-то убогого, за припадочного. Она горько плакала, не хотела идти под венец... Город тогда ходуном ходил! Говорили, что она сама тоже втюрилась в акцизника, и даже сочинили про нее песенку, которую женщины и девушки по сей день распевают в Злодеевке. Песенка эта начинается так:

Сияла луна,
Был полуночный час,
А Годеле сидела у дверей...

А конец песни такой:

Полюбил тебя, душенька,
Полюбил навсегда
И жить без тебя не могу!

Вот к этой акцизничихе Годл и пришел наш портной — излить наболевшую душу, рассказать обо всем, что у него на сердце, и спросить совета: что делать?

— Что делать? Ведь вы же и в самом деле *«смугла я, но красива»*, как говорит царь Давид в «Песни Песней» *, — вы и красавица и умница. Научите, что мне делать?

— Что делать? — переспросила Годл и сплюнула. — Разве вы не видите, что это оборотень? Охота вам таскаться с этаким добром! Бросьте его ко всем чертям! Ведь с вами может приключиться то же, что с моей тетей Перл, чур меня, чур меня, она уже на том свете...

— И что именно? — спросил в испуге Шимен-Эле.

— А именно... — со вздохом отвечала Годл. — Моя тетя Перл, царство ей небесное, была женщина благочестивая, праведная. У нас в семье все такие... Хотя здесь, в проклятой Злодеевке, чтоб ей сгореть, любят оговаривать всех и каждого, за глаза, конечно... В глаза-то они сльстят и подлизываются — «душенька-голубушка»... Словом, моя тетя Перл, царство ей небесное, шла однажды на базар. Видит, лежит на земле клубок ниток... «Клубок ниток, — подумала она, — может пригодиться». Нагнулась и подняла. Взяла клубок и пошла дальше, а он как прыгнет ей в лицо и упал наземь. Тетя, конечно,

-- דהיינו, — זאָגט האָדעל מיט א זיפץ — מיין מוהמע פערל, עליה השלום, איז געווען איין עהרליכע אידינע, א כשר'ע. אונזער משפחה זענען אלע עהרליכע... חאָטש דאָ, אין דעם וויסטען זלאָדייעווקע, פאַרברענט זאָל דאָס ווערען, האָט מען ליעב באַרעדען איטליכען באַזונדער, געוויינטליך, הינטער די אויגען, וואָרום אין די אויגען זענען זיי גרויסע חליפת'ניקעס, קוצעני־מוצעני... בקיצור, מיין מוהמע פערל, עליה השלום, איז איינמאָל געגאַנגען אין מאַרק, זעהט זי: עס ליגט א קניילעכין בייוועל אויף דער ערד. איז זי זיך מיישב: א קניילעכין בייוועל קומט צו־נוטץ; בוינט זי זיך אָן און הויבט דאָס אויף. זי נעמט דאָס קניילעכין בייוועל און לאָזט זיך גיין, טהוט דאָס איהר א שפרונג אין פנים אריין און א פאַל אויף דער ערד. בוינט זי זיך אָן מסתמא נאָך א מאָל און הויבט דאָס אויף, טהוט דאָס איהר ווידער א שפרונג אין פנים אריין און א פאַל אויף דער ערד. בוינט זי זיך ווידער א מאָל אָן, נעמט דאָס ווידער א מאָל, טהוט דאָס איהר ווידער א שפרונג אין פנים און א פאַל אויף דער ערד. איז זי זיך מיישב און טהוט א שפיי אויפ'ן קניילעכין בייוועל (חאַפּט דאָס דער וואַטענמאַכער!), און וויל שוין גיין אַהיים. זי טהוט א קוק — דאָס קניילעכין בייוועל קאַטשעט זיך איהר נאָך; זי פּרובט זיך לויפען — דאָס קניילעכין בייוועל קאַטשעט זיך. בקיצור, זי איז געקומען אַהיים א טוידטע נעבאַך, געפאַלען חלשות, און האָט נאָכדעם אָפּגעקרענקט אפשר א יאָהר כסדר. וואָס, מיינט איהר, איז דאָס געווען, אשטיינער? אנו, טרעפט?...

— עט! כולם אהובים, כולם ברורים — אלע ווייבער זענען אויף איין שניט! — זאָגט שמעון־אלי. — ס'איז באָבסקי מעשיות, פוסטע מיהלען, באַזרעס, פּידרוך מיט לאַקריצע! מע זאָל זיך וועלען צו־הערען, וואָס ווייבער פּלעטשען, וואָלט מען באַדאַרפט מורא האָבען פאַר'ן אייגענעם שאָטען, ככתוב, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: נ ש י ם ד ע ת ן ק ל ו ת — ווייבער זענען גענז... נאָר נאָר נישט, היום הרת עולם — נישט געזאָרגט! האָט אייך א גוטע נאַכט.

און שמעון־אלי דער שניידער לאָזט זיך גיין ווייטער.

די נאַכט האָט זיך אויסגעשטערנט. די לבנה האָט געשפּאַצירט צווישען שטיקער וואָלקען, וואָס זעהען־אויס, ווי הויכע טונקעלע בערג, בעלעגט מיט זילבער. מיט א האַלבען פנים האָט די לבנה אַראָפּגעקוקט אויף דער שטאָדט זלאָדייעווקע, וואָס האָט געהאַלטען אין רעכטען שלאָף. א טייל בעלי־בתים, וואָס האָבען מורא פאַר וואַנצען, האָבען זיך אריבערגעפּעקעלט מיט'ן בעט־געוואַנד אין דרויסען, זיך איבערגעדעקט מיט די געלע ליילעכער איבער'ן קאָפּ, געחראָפּעט גאַנץ געשמאַק און געזעהען זיסע חלומות: חלומות פון פדיון אויפ'ן יריד, פון לייזונג א סך, פון א פער־דיענסטעל א גראָבס; חלומות פון א פריץ זעהר א וואוילען, פון א געשעפטעל א גוטס; חלומות פון א שטיקעל ברויט, פון פרנסה בכבוד און פון כבוד אליין — פערשיעדענע חלומות!... מע זעהט נישט אויף דער גאַס קיין לעבעדיגען נפש; מע הערט נישט קיין פּיפּס אין ערגיץ, -- אפילו די יאַטקע־הינד, וואָס האָבען זיך גענוג אָנגעבילט און אָנגעמאָרדעוועט דורכ'ן טאָג, האָבען זיך איינגע־נאָרעט צווישען די קלעצלעך, בעהאַלטען די מאָרדעס צווישען די לאַפּעס — און שאַ! זעלטען־זעלטען חאַפּט זיך אַרויס ביי זיי א האַלבער „האַו", בשעת עס חלומ'ט זיך זיי עפּיס א ביינדעל, וואָס אַנדערע הינד שאַרפען זיך דערויף די ציינער, אָדער בשעת עס דאַכט זיך זיי, אז א פליעג האָט זיך פערקליבען אין אויהער אריין און רוימט זיי איין א סוד... זעלטען־זעלטען פליהט־דורך א נאַרישער זשוק מיט צעלאָזטע פליגעל, דרעהט זיך און שוועבט אין דער לופטען אויף איין אָרט, זשומעט ווי א סטרונע פון א באַס און מאַכט: ז ש ש ש ש ש ש!!, טהוט א פאַל אָן דער ערד און ווערד אנשווינגען... אפילו דער שטאָדט־שומר, וואָס אלע נאַכט געהט ער אַרום, היט די קלייטען און קלאַפּט מיט צוויי שטעקלעך: קלאַ! קלאַ!... קלאַ! קלאַ!... האָט היינטיגס מאָל, ווי אויף־צו־להכעיס, אויסגעטרונקען, האָט זיך צוגעשפּאַרט צו א וואַנד און איז גע־שמאַק אנשלאָפען געוואָרען... אין דער דאָזיגער שטילער נאַכט

снова нагнулась и подняла его, а он опять — прыг в лицо и — наземь. В третий раз нагнулась тетка и подняла клубок, — опять то же самое! Тогда она решила плюнуть на этот клубок — черт с ним! — и хочет идти домой. Глядь, а клубок катится за ней! Бросилась бежать, а клубок за ней! Словом, пришла домой ни жива ни мертва, упала в обморок и потом чуть не целый год прохворала. И что же, вы думаете, это было? Угадайте!

— Чепуха! *«Все любимы, все избраны»* — все женщины на один покрой! — сказал Шимен-Эле. — Бабьи сказки, болтовня, вздор, глупости! Если прислушиваться ко всему, что бабы плетут, так надо бы собственной тени бояться. Как в Писании сказано: ***«Женщины легкомысленны»*** — бабы что гуси! Однако ничего! ***«Нынче день великого суда...»*** — не тужить! Спокойной вам ночи!

И Шимен-Эле двинулся дальше.

Ночь была звездная. Луна гуляла по небу меж клочковатых облаков, похожих на высокие темные горы, оторoченные серебром. Искоса луна поглядывала и на Злодеевку, погруженную в глубокий сон. Многие жители, боясь клопов, перебрались с постелями на улицу, и, накрывшись с головой пожелтевшими простынями, смачно похрапывали, и видели сладостные сны: заработки на ярмарках, крупную выручку, большие барыши; иным снился добрый помещик, выгодная сделка, верный кусок



хлеба, почетная работа или один только почет — разные бывают сны!..

На улице ни души. Не слышно ни шороха. Даже базарные псы, набрехавшиеся и намотавшиеся вдосталь за целый день, и те забрались меж колод мясников, спрятали морды между лап и спят! Изредка только какой-нибудь из них тявкнет вполголоса, когда ему приснится кость, на которую зарятся другие собаки, или когда почудится, что муха забралась в ухо и шепчет что-то по секрету... Пролетит иной раз на распростертых крыльях глупый жук, покружится на одном месте, прожужжит, как струна на контрабасе: «ж-ж-ж-ш», потом шлепнется наземь и замолчит. Даже городской сторож, который по ночам расхаживает, охраняя лавки, и стучит колотушкой «кла-кла-кла-кла!», и тот на этот раз, как нарочно, подвыпил и, привалившись к стенке, сладко уснул...

דרעהט זיך אום שמעון־אלי דער שניידער איינער אליין איבער דער גאנצער שטאָדט, און ער ווייסט נישט, צי זאָל ער געהן, צי זאָל ער שטעהן, צי זאָל ער זיצען... און ער געהט־ארום און רעדט צו זיך אליין שטילערהייד:

— ואתא שונרא ואכלה לגדיא — נע מאלא באבא חלאָפּאָטע — קופילע סאָבי קאָנא!... לאָז קומען א פּאָהיבעל אויף דער דאָזיגער ציעג! א ציעג?... ח־ח־ח־חד גדיא! חד גדיא!

ער צעלאַכט זיך און שרעקט זיך איבער פאר זיין איינענעם געלעכטער. בשעת מעשה געהט ער דורך פארביי דער „קאלטער שוהל“, וואָס האָט א שם מיט איהרע מתים, וואָס דאַוונען דאָרטען אלע שבת־צו־נאכטס, אנגעטהאָן אין ווייסע קיטלען און אין טליתים, און עס דאַכט זיך איהם, ווי ער הערט עפּיס א מין נעזאנג: או־או־או! ווי א ווינד, וואָס בלאָזט אין קויכען אריין ווינטער ביינאכט... ער טרעט־אָפּ פון דער „קאלטער שוהל“, לאָזט זיך געהן אין דער גוי'עשער גאס, דערהערט ער א קול „פּ צ ס ס ס!“ דאָס פייפט א פּוהאטש, וואָס האָט זיך פערקליבען גאנץ אויבען, אויפ'ן שפּיץ קלויסטער... עס פאלט אויף איהם אָן א שרעקליכע מרה־שחורה, א פחד, מיט סכנת־נפשות! נאָר ער שטארקט זיך, ער מאכט זיך א הארץ און וויל זאָגען עפּיס א פּסוק, אזעלכען, וואָס מע זאָגט ביינאכט, אז מע זאָל קיין מורא נישט האָבען; האָט ער אָבער פערגעסען דעם פּסוק, ארויסגעפלויגען פונ'ם קאָפּ! און מעשה־שטן, קומען איהם אקעגען דוקא אלערליי מורא'דיגע בילדער פון בעקאנטע, וואָס זענען שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט... און ער דערמאָנט זיך אָן א סך שרעקליכע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אויף זיין לעבען: מעשיות מיט שדים, מיט רוחות און מיט לצים אינ'ם געשטאלט פון קעלבלעך... מעשיות מיט שרעטעלעך, וואָס לויפען ווי אויף רעדלעך, מיט וואָוקעלאַקעס, וואָס געהען אויף די הענד, מיט מינים בעשעפעניישען, וואָס קוקען אויף איין אויג... מעשיות מיט לעבעדיגע מתים, וואָס געהען־אום אין עולם התוהו, אנגעטהאָן אין תכריכים... שמעון־אלי פּועל'ט ביי זיך, אז די דאָזיגע ציעג, וואָס ער פיהרט זיך מיט איהר ארום, איז נישט קיין ציעג, נאָר א גלגול, אדער א לץ, וואָס אָט באלד שטעלט ער איהם ארויס א צונג אויף צעהן ארשין, אדער ער טהוט א פּאטש מיט די פליגעל און טהוט א געשריי איבער דער גאנצער שטאָדט: „קו־קא־רי־קו!“... שמעון־אלי פיהלט, אז עס הייבט זיך איהם דער מח; שטעלט ער זיך אָפּ אויף א ווײלע, בינדט־אָפּ דעם גארטעל; ער וויל פּטור ווערען פון דער באָמבע. ווער? וואָס? דער שענער בחור שטעהט, ער וויל נישט אָפּטרעטען פונ'ם שניידער אויף א מינוט אפילו! שמעון־אלי פּרובט זיך לאָזען געהן א פּאָר טריט — ער געהט איהם נאָך; ער נעמט זיך רעכטס — געהט ער רעכטס; ער נעמט זיך לינקס — ער געהט לינקס...

— שמע ישראל! — שרייט־אויס שמעון־אלי נישט מיט זיין קול און לאָזט זיך לויפען אין דער וועלט אריין. און אזוי ווי ער לויפט, דאכט זיך איהם, אז עמיצער יאָגט איהם און מעקעט איהם נאָך אויף א דין ציעגען קול'כעל און רעדט צו איהם, ווי א מענש, און זינגט, ווי א חזן:

— מ־־־לך ממית ומחיה!... ונ־א־א־א־א־א־מן אתה להחיות מתים!...

# קאפּיטעל יא.

בבוקר — אין דער פריה, אז אידען זענען אויפגעשטאנען געהן דאַוונען, ווייבער — אין מארק אריין, און מיידלעך — צו דער טשערעדע, האָט מען געפונען שמעון־אלי דעם שניידער זיצען אויף דער ערד, און נעבען איהם די שענע ציעג זיצט, די פיכלעך אונטער זיך, מעלה־גרה'ט און שאָקעלט מיט'ן בערדעל. מע געהט־צו צום שניידער, מע רעדט צו איהם — ער ענטפערט נישט א וואָרט; ער זיצט און קוקט, ווי א לעהמענער גולם... איז באלד

И вот этой тихой ночью портной Шимен-Эле бродит один-одинешенек по городу и не знает, идти ли ему, стоять или сидеть... Шагает и тихо говорит самому себе:

— *«И кот пришел и козочку сожрал...»* — не было у бабы хлопот, купила себе коня... Пропади она пропадом, эта коза! Коза! Козочка-козуля! Ха-ха-ха!

Он разражается хохотом и сам пугается своего голоса. В это время он проходит мимо Холодной синагоги, которая славится тем, что в субботние вечера там молятся покойники в белом и с молитвенными покрывалами на плечах... И кажется портному, что он слышит какое-то странное пение: «у-у-у-у!» Точно ветер, воющий в трубе зимней ночью... Он уходит подальше от Холодной синагоги, бредет по «русской» улице... И вдруг слышит: «П-ц-с-с!» То свистит пугач, забравшийся на самую макушку церковного купола... Портного охватывает уныние, страх, ужас! Однако он крепится, силится вспомнить стих, который произносят по ночам, чтоб не бояться. Но стих словно улетучился из головы! И как назло, перед глазами возникают страшные образы знакомых, давно умерших людей... На память приходят жуткие рассказы, которых он наслушался за свою жизнь, — о чертях, духах, о домовых в образе телят, о бесенятах, носящихся словно на колесах, о вурдалаках, передвигающихся на руках, об одноглазых чудовищах... Вспоминаются истории об оживших мертвецах, блуждающих по миру в саванах... Шимен-Эле решает окончательно, что коза, которую он таскает за собою, вовсе не коза, а оборотень, нечистая сила... Вот покажет язык в десяток аршин длиной или хлопнет крыльями и прокричит на весь город: «Кукареку!» Шимен-Эле чувствует, что у него волосы встают дыбом. Он останавливается, отвязывает ремешок, хочет избавиться от своей обузы. Но не тут-то было! Молодец и не думает уходить! Ни на шаг не желает отойти! Шимен-Эле пробует пройти вперед, а он за ним; Шимен-Эле сворачивает вправо, и тот вправо; Шмен-Эле — влево, и тот туда же...

— *«Шма, Исроел!»* * — не своим голосом кричит Шимен-Эле и пускается бежать куда глаза глядят. И чудится ему, что кто-то гонится за ним, блеет тоненьким козлиным голоском, и говорит по-человечьи, и поет, как кантор в синагоге:

— Владыка смерти и живота нашего! Дару-у-у-ующий жизнь усо-о-о-пшим!..

# Глава одиннадцатая

Утром, когда мужчины встали и собрались в синагогу, женщины — на базар, а девушки — загонять коров в стадо, все увидели сидящего на земле портного. Рядом, поджав ноги, сидела пресловутая коза, жевала жвачку и трясла бороденкой. К Шимен-Эле подходили, пытались заговорить с ним, но он не отвечал, сидя как истукан, с остановившимся взглядом... Собралась толпа, люди

געוואָרען א רעדעל, איין אַנגעלאָף פון דער גאַרער שטאָדט, א גערעדעריי, א ליאַרעם, א געפּילדער ביז'ן הימעל: שמעון־אלי... ציעג... שמע־קולנו... גלגול... לץ... וואָוקעלאַקע... נישט־גוטער... פאַרשטעלט... געפיהרט... געפאָהרען רייטענדיג א גאַנצע נאַכט... געמוטשעט... פאַרכּוטשעט"... בשעת מעשה זענען געפלויגען גענוג ליגענס: איטליכער האָט דערצעהלט, אז ער האָט אליין געזעהען איהם פאָהרען רייטענדיג...

— ווער איז געפאָהרען אויף וועמען? — פרעגט א איד און שטעקט־אריין דעם קאָפּ אין רעדעל אריין. — שמעון־אלי אויף דער ציעג, צי די ציעג אויף שמעון־אלי'ן?

דער גאַנצער עולם שיסט־אויס א געלעכטער.

— אז אָך און וועה איז צו אייך מיט אייער געלעכטער! — רופט זיך אָן א איד א בעל־מלאכה. — אידען מיט בערד! באַ־ווייבטע! טאַטעס פון קינדער! שעמען מעגט איהר זיך, אין אייער ווייטען האלז אריין! וואָס האָט איהר זיך צונויפגעקליבען אהער צו לאַכען? איהר זעהט נישט, אז דער שניידער איז אויס מענטש, נעבאָך טוידט־קראַנק? בעסער פיהרט איהם אָפּ אַהיים און שיקט רופען דעם רופא, נישט שטעהן אָט־אַ־דאָ און שטשירען די ציינער, א רוח אין אייער טאַטענ'ס טאַטען אריין!!!

די דאָזיגע ווערטער האָט דער בעל־מלאכה אויסגעשאָסען, ווי פון א האַרמאַט, און דער עולם האָט אויפגעהערט צו לאַכען. דער האָט זיך א וואָרף געטהאָן נאָך וואַסער, דער איז אַוועקגעלאָפען צו יודעל דעם רופא. מע האָט גענומען שמעון־אלי דעם שניידער, מחילה, אונטער די־הענד און מע האָט איהם אָפּגעפיהרט אהיים און אריינגעלעגט אין בעט אריין. באַלד איז געקומען צו לויפען יודעל דער רופא מיט זיין גאַנץ קלאַפּערנעצייג און האָט איהם געגעבען „גרויס ראַטוניק": ער האָט איהם געשטעלט באַנקעס און פּיאַווקעס און געשלאָגען צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט אָהן א שיעור.

— וואָס מעהר בלוט מע וועט איהם אָפּצאַפּען, — אזוי האָט יודעל אליין געזאָגט — וועט אַלץ זיין בעסער, מחמת אַלע שלאַפ־קייטען, נים דאָ געדאַכט, נעמען זיך פון אינעווייניג, פון די „געבליטען". — אזוי האָט יודעל דער רופא געגעבען צו פערשטעהן די „חכמת הדאָקטאָריע", און האָט צוגעזאָגט, אז אויף דער נאַכט, אם ירצה השם, וועט ער אריינקומען נאָך א מאָל. און אז ציפּה־ביילה־רייזה האָט א קוק געטהאָן אויף איהר מאַן, ווי ער ליגט נעבאָך, דער שלים־מזל, אויף דעם צעבראָכענעם טופּטשאַן, מיט

א סך שמאַטעס איינגעדעקט, די אויגען ארויף, די ליפּען פער־שמאַכט, רעדט פון היץ, עס קלעפּט זיך נישט א וואָרט צו א וואָרט, — האָט זי אָנגעהויבען צו ברעכען די הענד, שלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנד, וויינען, יאָמערען און קלאָגען מיט דעם נוסח, וואָס מע בעווייגט א טוידטען:

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר, א דונער איז מיר א גרויס־סער! אויף וועמען לאָזט דו מיך אי־בער מיט מיינע קליינע קינ־דער?!...

און די קינדער, נאַקעטע און באָרוועסע נעבאָך, האָבען זיך צונויפגעקליבען ארום דער אָרעמער מאַמע און האָבען איהר נע־האָלפען וויינען. די עלטערע האָבען געוויינט שטילערהייד, בע־האַלטען די פּנים'ער, געשלונגען די טרערען; און די קלענערע, וואָס האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך, האָבען גלאַט געוויינט אויף א קול, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער; און אפילו נאָר דאָס קליינינקע, א יונגעלע פון א יאָהר דריי, מיט איין אויסגעמוטשעט געל פּנים'על, האָט זיך צוגערוקט צו דער מוטער מיט זיינע אויסגעבויגענע קרומע פיסלעך און מיט'ן גראָבען בייכעלע, בײדע הענטלעך אריינגערוקט אין קעפּעל און האָט גע־נומען נאָר א הויכען טאָן: „מאַמע, וויל עעסען!!!" דאָס אַלס־דינג אינאיינעם איז געווען אזא מין געזאַנג, וואָס א פרעמדער

---

מענש האָט נישט געקאָנט בשום אופן שטעהן דערביי; ווער ס'איז אריינגעקומען צום שניידער אין שטיבעל אריין, איז ער באַלד ארויסגעלאָפען פון דאָרטען א צעטראָגענער, מיט א צעבלוטיגט

сбежались со всего города, подняли шум, гам, трескотню... Пошли разговоры, пересуды: Шимен-Эле... коза... Внемли Гласу... оборотень... бес... вурдалак... Нечистый... водил его, верхом на нем ездил всю ночь... мучил... замучил... И сочиняли при этом кто во что горазд, сами, мол, видели, как он ездил верхом...

— Кто на ком ездил? — спросил кто-то, просунув голову в тесно сомкнутый круг. — Шимен-Эле на козе или коза на Шимен-Эле?

Толпа разразилась хохотом.

— Горе вам и смеху вашему горе! — сказал один из ремесленников. — Бородатые люди! Женатые! Отцы семейств! Постыдились бы, посовестились бы! Чего вы собрались тут гоготать? Не видите, что ли, что портной не в себе, что человек смертельно болен? Отвели бы его лучше домой, послали бы за лекарем, чем стоять здесь и зубы скалить, черт бы вашего батьку взял!

Слова эти ремесленник выпалил точно из пушки, и толпа перестала смеяться. Кто побежал за водой, кто бросился к лекарю Юдлу. Портного взяли под руки, отвели домой и уложили в постель. Вскоре прибежал лекарь Юдл со всеми своими причиндалами и стал спасать портного: поставил ему банки и пиявки, вскрыл жилу, пустил кровь...

— Чем больше крови ему выпустить, тем лучше, — сказал Юдл, — потому что все болезни, не про нас будь сказано, идут от нутра, таятся в крови...

Так лекарь Юдл объяснил тайны «медицинской премудрости» и обещал к вечеру зайти еще раз.

А Цине-Бейле-Рейза, взглянув на своего мужа и увидев, как лежит он, бедняга, на разбитом топчане, укрытый тряпьем, закатив глаза, с запекшимися губами и бормочет в бреду что-то несуразное, заломила руки, стала биться головой о стену, рыдать, вопить, как по покойнику.

— Горе мне, беда и несчастье, гром меня разрази! И на кого ты меня покидаешь с малыми детками?!

А детишки, голые и босые, сбились в кучу возле горемычной матери и вторили ей. Старшие плакали потихоньку, пряча и глотая слезы; младшие, не понимая, что происходит, плакали навзрыд, и чем дальше, тем громче. И даже самый маленький, мальчик лет трех, с изможденным желтым личиком и вздутым животом, приковылял на своих кривых ножках к матери, ручонками обхватил голову и закричал: «Мама, ку-у-у-шать!..»

הארץ און מיט א צעבראָכענע נעמיט, און אז מע האָט איהם א פרעג געטהאָן: וואָס טהוט עפּיס שמעון־אלי? — האָט ער א מאַך געטהאָן מיט דער האנד, ווי איינער רעדט: „אַז אַך און וועה איז איהם!"... עטליכע ווייבער, נאָהענטע שכנות, זענען געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט פערוויינטע פּנים'ער, מיט רויטע נעזער, געקוקט ציפּה־ביילה־רייזה'ן גלייך אין די אויגען אריין, געמאַכט בשעת מעשה משונה מאָדנע פּיסקעס, צונעשאָקעלט מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אַז אַך און וועה איז צו דיר, ציפּה־ביילה־רייזה!"

א חידוש נפלא! פופציג יאָהר האָט שמעון־אלי שמע־קולנו אָפּגעלעבט אין זלאָדייעווקע אין אָרעמקייט, אין דחקות, געלעגען, ווי א וואָרעם, אין דער פינסטער, קיינער האָט פון איהם נישט געוואוסט, וואָס פאר א מענש דאָס איז. אַצינד, אַז ער איז פערשלאָפט געוואָרען, האָט ער זיך מיט א מאָל ארויסבעוויזען מיט אַלע זיינע מעלות טובות; מען איז מיט א מאָל געוואָהר געוואָרען, אַז שמעון־אלי איז געווען א זעלטענע, א גוטע, א כשר'ע נשמה, א גרויסער בעל־צדקה, דאָס הייסט: ער פלעגט רייסען ביי נגידים און טיילען די אָרעמע לייט, זיך קריגען פאר זיי מיט דער גאַנצער שטאָדט און זיך שלאָגען ביז'ן בלוט אריין, זיך טיילען מיט יענעם מיט'ן לעצטען ביסען, און נאָך און נאָך א סך מעלות און שבחים האָט מען נאָכדערציהלט נאָך דעם אָרעמען שניידער, ווי מע דערציהלט נאָך, אַשטייגער, נאָך א טוידטען בשעת דער לויה, און מען איז איהם געגאַנגען מבקר־חולה זיין כמעט פון דער גאַנצער שטאָדט, און מע האָט איהם געראַטעוועט מיט כל המעגליכקייטען, ער זאָל, חלילה, נישט שטאַרבען פאר דער צייט...

---

## קאַפּיטעל יב.

והפועלים — און די בעלי־מלאכות פון דער שטאָדט זלאָדייעווקע האָבען זיך צונויפגעקליבען אויף איין אסיפה ביי האָדעל די אַקציזניטשקע, געשטעלט בראָנפען, געשריגען, געפּילדערט, געאַרבייט מעשים, געזידעלט די נגידים, געוויינטליך, הינטער די אויגען, זיי געמאַכט מיט דער בלאָטע.

— זלאָדייעווקע — א שענע שטאָדט, ברענען זאָל זי! וואָס שווייגען זיי, די נגידים אונזערע, א וויכטען סוף זאָלען זיי האָבען?!... איטליכער באָדט זיך אין אונזער בלוט, און ס'איז נישטאָ קיינער, ווער ס'זאָל זיך אָננעמען אונזער קריוודע! געלט אין דער קאָראָבקע ווער צאָהלט? — מיר! א צרה, א שלאַק, א שוחט, א באָד, להבדיל, — ביי וועמען רייסט מען די הויט? — ביי אונז! וואָס שווייגט איהר, אידען? לאָמיר געהן צו די רבנים, דיינים און די שבעה טובי העיר זיי טרויבערען די קישקעס! וואָס איז דאָס פאר א הפקרות, מע זאָל לאָזען קוילען א גאַנצע משפּחה?! הבה נתחכמה!!!...

און חברה „פּועל־צדק" זענען אוועק צום רב און האָבען דאָרט געמאַכט א גוואַלד. האָט זיי דער רב איבערגעלייענט דעם ענטפער, וואָס ער האָט נאָר־וואָס בעקומען דורך א בעל־עגלה פון די קאָזאָדאָיעווקער רבנים, דיינים און די שבעה טובי העיר.

אָט וואָס ס'איז געשטאַנען אין בריעף:

„לכבוד צו די רבנים, דיינים, חכמים מפורסמים, בערג זאָלען אַקעגען טראָגען פריעד צו די גילדענע העגגלייכטער בק"ק זלאָדייעווקע, אמן.

„תיכף ווי מיר האָבען מקבל געווען אייערע רעד, וואָס זענען געווען ווי האָניג צו אונזערע מיילער, האָבען מיר זיך צונויפגעזאַמעלט אַלע און חוקר ודורש געווען די זאַך אַקוראַט, און האָבען געפונען, אַז אומזיסט האָט מען געטהאָן חושד זיין איינעם פון אונזערע לייט; נישט מעהר, אַז דער שניידער אייערער איז א שאַלקהאַפטיגער מענש, ער האָט אויסגעטראַכט א בלבול און אָנגעפיהרט א רכילות צווישען צוויי קהילות. ער איז ווערטה, מע זאָל איהם קנס'ענען! מיר, וואָס שטעהען נע'חתמ'עט אונטען, קאָנען אייך עדות זאָגען און געהן שווערען, אַז מיר האָבען גע-

Все это сливалось в многоголосый хор, и присутствовать при этом постороннему было невыносимо. Всякий, кто ни входил к портному в дом, выбегал оттуда расстроенный, с обливающимся кровью сердцем и, когда спрашивали: «Как там Шимен-Эле?» — только махал рукой: «Что уж, мол, говорить о Шимен-Эле!»

Несколько ближайших соседок стояли заплаканные, с покрасневшими носами, смотрели в упор на Ципе-Бейле-Рейзу, немилосердно кривили губы и качали головами, точно желая сказать: «Ох, горе, горе тебе, Ципе-Бейле-Рейза!»

Поразительная вещь! Пятьдесят лет прожил Шимен-Эле в Злодеевке в нищете и лишениях, прозябал, словно червяк во тьме, и никому до него дела не было, и никто не знал, что он за человек. А сейчас, когда он заболел, вдруг обнаружились все его достоинства и качества. Вдруг все заговорили, что Шимен-Эле был замечательный, добрый и чистой души человек, щедрый благотворитель, то есть он урывал сколько можно было у богачей и раздавал беднякам, ссорился из-за них, дрался до крови, делился с ближними последним куском... И еще много чего рассказывали о бедном портном, как рассказывают о покойниках на похоронах... Чуть ли не весь город ходил проведать его, и всеми средствами спасали его, только бы он, упаси бог, не умер преждевременно...

## Глава двенадцатая

*А мастеровые* — ремесленники города Злодеевки собрались у акцизничихи Годл, поставили водку, кричали, горланили, неистовствовали, ругали богачей — за глаза, конечно, — и смешивали их с грязью.

— Хорош город Злодеевка, чтоб он сгорел! Почему молчат они, богачи наши, провалиться бы им сквозь землю! Всякий, кто хочет, пьет нашу кровь, а заступиться за нас некому! Кто платит коробочный сбор? Мы! А на всякую напасть, на резника, скажем, на баню — не будь рядом помянута! — с кого шкуру дерут? С нас! Чего же мы молчим? Пойдем к нашим раввинам, дайенам, к «семерым радетелям города» — кишки из них вымотаем! Что за безобразие: целую семью зарезали! Давайте что-нибудь придумаем!

И братство «Благочестивый труженик» отправилось к раввину и учинило скандал. Тогда раввин прочитал ответ, только что полученный им через извозчика от козодоевских раввинов, дайенов и «семерых радетелей города».

Вот что было написано в этом письме:

«Раввинам, дайенам, «семерым радетелям города»! Горы да несут мир золотым семисвечникам священной общины города Злодеевки. Аминь!

Немедленно по получении вашего послания, которое было слаще меда для наших уст, мы все собрались и тщательно расследовали дело, после чего пришли к заключению, что один из наших сограждан заподозрен напрасно. Судя по всему, ваш портной человек недостойный: он возвел поклеп и пустил сплетню меж двух общин. Он заслуживает сурового наказания! Мы, нижеподписавшиеся, можем засвидетельствовать и присяг-

זעהען מיט אונזערע אויגען, ווי די ציעג מעלקט זיך, הלואי זאָלען זיך אַלע אידישע ציעגען אַזוי מעלקען! הערט איהם נישט, דעם שניידער, וואָס ער וועט אייך דערצעהלען פזמונות! איהר זאָלט זיך נישט קעהרען צו די ווערטער פון די פערדאָרבענע לייט, לאָזען פערשטאָפּט ווערען די מיילער, וואָס רעדען שקרים! שלום זאָל זיין צו אייך און שלום זאָל זיין צו אַלע אידען פון איצט און ביז אייביג און אייביג.

„די רעד פון אייערע יונגערע ברידער, וואָס וואַלגערען זיך אינ'ם שטויב פון אייערע פיס:

„נאום הרב בהרב ז"ל... ונאום הרב בהרב ז"ל... ונאום הענ׳יך גאָרגעל, יקותיאל שמאַראָווידלע, שעפּסעל קאַרטאָפעל, פישעל קאַטשאַלקי, בערעל בראָנפען, ליב וואָרעטשאָק, אלי פּעטעלעלע".

אז דער רב האָט איבערגעלייענט פאַר די בעלי־מלאכות דעם דאָזיגען בריעף, זענען זיי געוואָרען נאָך מעהר אָנגעצונדען. „אהא! קאָזאָדאָיעווקער שקצים! מע מאַכט נאָך פון אונז חוזק?! באַדארף מען זיי בעווייזען דרך־ארץ. שער און אייזען אונזער פאָלק — עמך!"... און מע האָט באַלד געמאַכט א נייע אסיפה, געשיקט נאָך בראָנפען, און ס'איז געבליבען, מע זאָל נעמען די שענע ציעג און מען זאָל געהן גלייך קיין קאָזאָדאָיעווקע איבערקעהרען דעם מלמד מיט דעם חדר מיט דער גאַנצער שטאָדט!

אומר ועושה — געזאָגט און געטהאָן. חברה האָבען זיך צונויפגעקליבען א שטיק זעכציג בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, סטאָליערס און קאָוועלים, קצבים, העקערס, אנשי־חיל, געזונדע יונגען, איינס אין איינס, אָנגעוואָפּענטע מיט כלי־זיין — ווער מיט א הילצערנעם ארשין, און ווער מיט איין אייזערן פרעסעל, ווער מיט א קאָפּיט פון א שטיוועל, ווער מיט א האַק און ווער מיט א האמער, און ווער מיט גלאַט אַזוי פון בעל־הבתישקייט: א קאַטשאַלקע, א ריבאייזען, אָדער א קאָלאָדאַטש־מעסער, — און ס'איז געבליבען, מע זאָל געהן גלייך אין קאָזאָדאָיעווקע אויף מלחמה, להרוג, לאבד ולהשמיד — הרג'ענען, פערליערען און פערטילינגען! איין מאָל פאַר אַלע מאָל — האָבען חברה געזאָגט: —

תמות נפשי עם פלשתים — דער טוידט זאָל זיי זיין און איין עק זאָל דאָס האָבען!

— שאַט, רבותים! — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה פועל־צדק. — איהר זענט שוין גרייט אויפ'ן פּירפּאָלעק, פאַרטיג אָרום און אָרום, ואיה השה — וואו איז די ציעג?

— יאָ, זעהט־נאָר, וואו איז ערגיץ אהינגעקומען דער גלגול?

— אנטרונען געוואָרען!

— נישט קיין נארישער גלגול! כלעבען, וואוהין האָט ער געקאָנט אנטלויפען?

— מסתמא אהיים, צום מלמד, וואָס פארשטעהסט דו דאָ נישט?

— משונע וועט ער ווערען! דו רעדסט, ווי א בהמה!

— ביזט אליין א פערד; וואו דען האָט ער געקאָנט אנטלויפען?

— בקיצור, וואָס טוינען די טענות? שריי היינט, שריי מאָרגען, והילד איננו — נישטאָ קיין ציעג...

. . . . . . . . . . . . . . . .

---

קאפּיטעל יג.

כעת — אצינד לאָזען מיר איבער דעם פער'כישופ'טען שניידער זיך ראנגלען מיט'ן מלאך־המות און חברה בעלי־מלאכות זיך גרייטען צו מלחמה, און מיר געהען־אריבער צום גלגול, דאָס הייסט, צו דער ציעג.

нуть, что собственными глазами видели, как коза доилась, — дай бог всем еврейским козам доиться не хуже! Не слушайте этого портного, не верьте его россказням! Не обращайте слуха вашего к речам недостойных! Да будут заткнуты уста, извергающие ложь! Мир да будет вам, мир всем евреям отныне и во веки веков!

К сему — ваши младшие братья, пресмыкающиеся в пыли у ваших ног:

*Раввин такой-то, сын раввина такого-то, царство ему небесное, и раввин такой-то, сын раввина такого-то, царство ему небесное... Генох Горгл, Кусиел Шмаровидло, Шепсл Картофель, Фишл Качалка, Берл Водка, Лейб Воречок, Эля Петелеле».*

Когда раввин прочел это письмо, ремесленники возмутились еще больше. «Ага! Козодоевские пересмешники! Еще издеваются! Надо их проучить! Наш брат — мастеровой! Наш цех — утюг да ножницы!»

Тут же устроили новое собрание, снова послали за водкой и решили взять эту хваленую козу, направиться прямо в Козодоевку и перевернуть там вверх дном хедер с его меламедом и весь город!

Сказано — сделано! Собралось человек шестьдесят: портные, сапожники, столяры, кузнецы, мясники — народ боевой, парни здоровые, один в одного, вооруженные: кто деревянным аршином, кто утюгом, кто сапожной колодкой, кто топором, а кто молотком... Иные взяли с собой кое-что из хозяйственной утвари: скалку, терку или секач... Решено было немедленно идти в Козодоевку войной — убивать, уничтожать, истреблять!

— Раз навсегда! — заявили вояки. — *«Да погибнет душа моя вместе с филистимлянами!»* Смерть им, и дело с концом!

— Погодите, уважаемые! — сказал вдруг один из членов братства «Благочестивый труженик». — Вы уже готовы в поход? Совсем уже собрались? *«А где же агнец?»* Куда девалась коза?

— И правда, куда запропастился оборотень?

— Исчез!

— Неглупый оборотень, право! Однако куда же он мог удрать?

— Домой, наверно, убежал! К меламеду! Чего ты тут не понимаешь?

— С ума ты спятил! Рассуждаешь, как осел!

— Сам скотина! А куда же он еще мог убежать?

Словом, о чем спорить? Кричи не кричи, *«а дитяти нет»* — козы не стало...

. . . . . . . . . . . . . . . . .

## Глава тринадцатая

**Теперь оставим заколдованного портного, борющегося со смертью, и ремесленников, готовящихся к войне, и перейдем к оборотню, то есть к козе.**

Оборотень, увидев суматоху, которая поднялась в городе, подумал: к чему ему вся эта канитель? Что пользы быть привязанным к портному, таскаться с этим чудаком туда и обратно и подыхать с голоду? Не лучше ли бежать куда глаза глядят? Лишь бы не скитаться!

И наш молодец дал ходу! Он бежал стремглав, как безумный, не чуя под собою земли. Перепрыгивал через

